STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09550

DER FARGESENER MENTSH

Bezalel Friedman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



דער פאַרגעסענער מענטש

בצאַל פרידמאַן

A. FASTOVSKY

ראָמאַן אין פערזן

אַרויסגעגעבן פון ביל הייוואוד ברענטש 127
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

פארלאַג „סיגנאַל“ פון „פראָלעטפען“

הויפטפארקויף:
„מאָרגן־פרייהייט“ בוכהאנדלונג
35 איסט 12טע גאס, ניו־יאָרק

אינהאַלט:

זייט

אין די „גאָלדענע טעג“ — 5
אין שוויץ שאפ — 7
מאָטל שפּאָרט און זאמלט — 9
שוויים און פרייד — 11
פאר קירצערע שאָען און לענגערע יאָרן — 14
גייען די יאָרן און ווערן פארפאלן — 18
ברידער דארף מען גלויבן — 19
נייער וועג און אלטע היים — 23
נייע רייד — 28
יאָנטעוו — 29
ווי אָנהויב א מאגייפע — 32
שטיינער אין בלוט — 34
קראַך — 35
ס׳רייסן ווי וואונדן ווי „גאָלדענע טעג“ — 37
נויט לערנט — 39
צוריק אין בראָנזוויל — 43
ליכטיקער אָנהויב — 45
אין לאנד פון מאראנצן — 48
הונגער — 51
מאָטל אליין — 53
שניי און ברויט מיט טיי — 54
האָום רעליף ביוראָ — 55
דער זון — 57
טורמע — 59
פריי! — 61
טורמע־גרוסן — 62
טאטע, מאן און כאווער — 65
צוזאמען — 67

זייט

פרימאָרגן און כאוויירים — 68
מאָטל רעדט שוין אפן ראָג — 73
מע פרייט זיך מיט מאָטלען — 75
איירין — 77
מאָטל האָט דאָס וואָרט — 79
טאטע, מאמע און זון — 83
א בריוו פון איירין — 87
איירין רעדט — 88
איירין און יוים און פרילינג־נאכט — 92
אפן געלעגער — 95
איירין מיט דער מאמען — 97
דער באשלוס — 99
די מאמע ווארט — 101
איירין געזעגנט זיך מיט יויסן — 102
אליין — 104
א בריוו — 106
ווארעמע רייד — 108
פון סטרייק פראָנט — 109
נישטאָ מער קיין בריוו — 110
נאכט און פרימאָרגן — 111
א טאָכטער פון א אידישן שוסטער — 113
אין וועג — 114
מיט דער מאמען — 116
מיט יויסן — 118
מאטראָזן אין שטאָט — 121
לעניגס פארטיי — 122
אין טעאטער — 123
אין דרויסן — 124
צאר — 125
א צעטל אין טיר — 126
דעם לעבן אנטקעגן — 127



טאָוול און בילד געצייכנט פון אַראָן פאַסטאָווסקי

מײן כאַװערטע — בערטאַ לעלטשוק — אַ מאַטאָנע

קאָפּירירט
BEZALEL FRIEDMAN
ניו־יאָרק
יאַנואַר, 1936

אין די „גאָלדענע טעג"

ס'איז געווען אין אַ טאָג פון די „גאָלדענע" טעג,
ווען אַ שיף מיט אַ שיף איז געווען אין געיעג,
און געבראַכט גאַנצע שטעטלעך אַהער צו די ברעגן,
און, ווי צעשראָקענע הינער פון שטייגן,
אַרויסגעלאָזט זיי מיטן כאַסענע־פאַרמעגן — — —

געקומען פון שטעטלעך, וואו נויט האָט געלויערט,
וואו צוואָגן די קעפ האָט אַ פּרייטיק געדויערט...
וואו וועש מ'האָט געוואַשן אין זעלביקן טייכל,
פון וואַנען דאָס שטעטל האָט וואַסער געטרונקען
און אויסגעקאָכט פאַר אַ רעפוּאַ אַ יאַיכל...

געקומען פון שטעטלעך, וואו כוישעך פלעגט ווערן
אַפילע ווען הימל געוויזן האָט שטערן,
וואו מ'האָט די קראַנקע געהיילט מיט האַשטאָנע,
און אין די שטייאיקע זומפּן און בלאָטעס
האָט זיך געשפּיגלט די קאַלטע לעוואָנע.

פון שטעטלעך, וואו ס'זיינען די קינדערשע יאָרן
פאַר הארטן געלעגער פאַרמאַשקנט געוואָרן
אַף טאַכלעס צו גייציקע שטאָט באַלעבעסלעך,
וואָס האָבן מיט ווילדער האַנאָע און כיישעק
געשניטן דאָס לייב פון די קינדער־געזועסלעך — — —

ס'איז געווען אין אַ טאָג פון די „גאָלדענע" טעג,
ווען אַ שיף מיט אַ שיף איז געווען אין געיעג,
אַ שיף איז געקומען אַהער צו די ברעגן
און האָט דאָ אַרויסגעשטעלט מאָטלען דעם שניידער —
און די שטאָט איז אַ פרעמדע געשטאַנען אַנטקעגן — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מאטל האָט וואַרטן געלאָזט אין דער היים
אַ ווייב, אַ געטרייע מיט אַ לעבן אין בויך.
איז ווייבל געזעסןביים אויוון פון ליים,
געגעסן קאַרטאָפל מיט טרערן און רויך...

געזעסן ביים פענצטער, געקוקט אַף דער בלאָטע,
מיט פּאַכעד געטראַכט וועגן יאַם און דער שיף...
וואו קאָן געפינען זיך איצטער איר מאָטל? —
ביז ס'האָט אַ פרימאָרגן געבראַכט איר אַ בריוו:

„מיין טייערע ווייב, כ'בין געקומען בעשאָלעם.
וואָס מאַכסטו, מיין טרייע, און דאָס לעבן אין בויך?
איך בין נאָך, ווי איינער אין מיטן אַ כאָלעם,
מע דאַרף נאָר געזונט זיין און האָבן דאָ קויעך —

איך האָף, וועסט ניט דאַרפן דאָרט לענגער פאַרבלייבן,
כ'וועל דיך אַרויסנעמען גאָר אין דער גיך.
איך הויב אָן אַף רייזע־הויצאָעס שוין קלייבן,
טאָ גיב זשע, מיין ווייבל, גוט אַכטונג אַף זיך.

כ'שיק דיר, מיין ווייבל, אין איצטיקן בריוול
אַ קליינע מאַטאָנע — טאָלער נאָר צוויי.
ס'גייט שוין צו ווינטער, און ס'בייט זיך דער וועטער,
זאָלסט ניט גיין מיט די נאַקעטע פיס אינעם שניי — — — —

האָט ווייבל דאָס בריוול מיט אַ ציטער געלייענט,
אפן וואַקסענעם פּאָנעם שאַריעט אַ פריידּ:
אָט שטייט פאַר די אויגן איר טייערער מאָטל, —
ווי זי וואָלט אים נעכטן פון שטעטל באַגלייט — — —

געלייענט דאָס בריוול איינמאָל, אַ צווייטן,
צונויפגעלייגט עס, ווי אַ קינדערשע העמד...
און נאָענט אַמעריקע איז איר געוואָרן —
אַ לאַנד, וואָס געווען איז איר ווייט נאָך און פרעמד — — — —

אין שוויץ־שאָפּ

צוועלף שאָ אין שוויץ שאָפּ
אַרבעט אונדזער מאָטל,
אין אַ וויסטן שוויץ־שאָפּ
צוועלף שאָ אין שאָטן...

קיין פענצטער האָט דאָ קיינמאָל
מיט זון זיך ניט באַגעגנט, —
הויבסטו אויף די אויגן,
דאַכט זיך: שטענדיק רעגנט.

דאַכט זיך: ניט קיין סטעליע
איבער רוקנס לויערט,
נאָר אַ גרויער וואָלקן
שטומערהייט באַדויערט...

שווער איז דאָ צו טרעפן:
קעלטן אָדער היצן?
רוקנס איינגעהויקערט,
ווי עמיצער וואָלט זיצן — — — —

צווישן די מאַשינען
טשאַטעט באַלעבעסל.
הענט אַף רונדן בייכל —
רייפן אַף אַ פעסל.

— לאַנדסלייט, — טרייבט ער אונטער,
— ס'איז שוין ערעוו שאַבעס,
און איר לויזט די אַרבעט,
ווי אַ באָבע אַרבעס.

שוין, איר האָט פאַרגעסן,
אַז איר זייט נאָך גרינע.
ווען ניט איך — צעטראָטן
וואָלט מען אייך, ווי שפּינען.

גראָבן איין זיך טיפער
אויגן אין די רעדער, —
ס'דאַכט זיך: רעבע פּאָכעט
מיטן קאַנטשיק אינעם כיידער.

מאָטל שפּאַרט און זאַמלט

מאָטל שפּאַרט און זאַמלט
אַ פּעני צו אַ פּעני,
צייט די ווייב פון שטעטל
צו זיך אַריבערנעמען.

שלאָפט ער בא אַ לאַנדסמאַן
ערגעץ אין אַ ווינקל,
און אַ גוטן מיטיק
פאַרגינט ער זיך נאָר זונטיק . . .

און אין לעצטן בריוול,
וואָס ער האָט באַקומען,
שרייבט די ווייב: „מיט מאַזל
שוין אַריבערגעקומען.

אַ אײַנגעלע געבאָרן
מיט אַ קאָפּ האָר אַ שוואַרצן —
טראָגט מאָטל אָט דאָס בריוול
אין קעשענע ביים האַרצן . . .

האָט מאָטל גלייך באַרעכנט
דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט,
און וויפל אָפּ הויצאָעס
פאַר דער ווייב מיטן קינד נאָך פעלט.

גערעכנט און גערעכנט
זיין אָפּגעשפּאָרטן „אויצער“,
געטראַכט אַ גאַנצע נאַכט
און ניט געגעבן זיך קיין אייצע . . .

אף מאָרגן האָט ער זיך פאַרבאָרגט
אף יאָרן אויסצוצאָלן
און אַ שיפסקאַרטע דער ווייב
געשיקט מיט אַ פּאָר טאָלער.

אוועקגעשיקט און אָנגעהויבן
טעג און נעכט צו ציילן,
פּונקט ווי אַ קראַנקער ציילט די טעג,
ביז אַ וואונד וועט זיך פאַרהיילן . . .

ביז —
אין אַ טאָג איז געווען אַזאַ פרייד:
ס'איז די ווייב מיטן קינד אָנגעקומען.
און מאַטל האָט ערגעץ אף אָסבאָרן סטריט
סאָלטע דריי „רומקעס" גענומען.

שווים און פרייד

„די צייט האָט געשפּונען“
איר שווייסיקן פאָדעם,
ס'האָט מאָטל אין שוויץ־שאָפּ
זיך ווייטער געבאָדן.

הענט פאַרמאָגט מאָטל
צוויי פלינקע, ווי מילן.
נאָר ס'בלייבט ניט קיין צייט
מיטן קינד זיך צו שפּילן.

און אין אַ זונטיק
דאָס ביסעלע פרייד
ווי אייז אַף דער זון
צעשמעלצט און צעגייט...

און אפן געלעגער
פלעגט מאָטל באַשליסן:
זיין קינד וועט פון פינצטערן
שוויץ־שאָפּ ניט וויסן.

ער וועט מיט דער ווייב זיינער
קאַרגן און שפּאָרן:
זיין קינד זאָל דעם באָס
ניט פאַרקויפן די יאָרן — — — —

ניט פאַרן שוויץ־שאָפּ —
אַ שניידער, אַ שוסטער,
נאָר ווערן אַ דאָקטער
אַ גרויסער, אַ באַוואוסטער — — — —

ס'איז אוועק אַ יאָר און צוויי,
און לעבן איז געוואָרן גרינגער:
ס'האָט דער באַס אַ ביסל מער
נעצאָלט פאַר מאָטלס פלינקע פינגער.

און ס'האָט אין שטוב באַוויזן זיך
אַ שאַפע, אַ וויקטראָלע,
און פאַר דער שיפסקאַרטע דעם כויוו
מ'האָט געענדיקט צאָלן.

נאָר שאַפּ בלייבט — אַ שוויץ־שאַפּ
מיט רוקנס געבויגן,
ביז דער שפּעטער פאַרנאַכט
נעמט צו דאָס ליכט פון די אויגן...

און יעדערער אין שאַפּ —
אַזאַ הילפלאָזער איינער,
ווי עפּעס אַ העפקערדיק
בערגל מיט שטיינער...

אַז מאָטל קאָן הענט
פלינק, ווי מילן, פאַרמאָגן —
ווי קאָן ער זיך לאָזן
אין קאַרק אַריין יאָגן?

נאָר איינער דעם צווייטן
אין שאַפּ איז אַ פרעמדער,
ווי מענטשן אַף שיפן
פון פאַרשידענע לענדער...

שווינדלען מאַשינען
פון פרי־שאָ ביז שפּעט,
ביז דער שאַף האָט זיך אומרואיק
ענדלעך צערעדט:

פאַרוואָס און פאַר וועמען
פאַרשווענדן דעם קויעך
און צוועלף שאָ א טאָג
זיך פאַרטויבן דעם מויעך?!

און וואָס א טאָג שפּעטער —
די טיינע אַלץ קלאָרער:
קירצערע שאָען
און מער א פּאָר טאַלער!

קירצערע שאָען
מיינט — לענגערע יאָרן — — — —
דער שאַף האָט צערעדט זיך
און אייניק געוואָרן — — —

פאַר קירצערע שאָען און לענגערע יאָרן

דער באַס שפּרייזט אַהין און צוריק פאַרן פענצטער,
(פענצטער און טירן פאַרהאַקט און פאַריגלט),
ער רייבט זיך די הענט, ווען גערונגענער גענגסטער
פירט אַף די סטרייקער אַדורך די האַריגע.

ס׳קריכן אַרוים אים פון קאָפּ באַלד די אויגן,
אויגן — צוויי זעקלעך געלע מאַטעריע, —
— שנייד, זאָל אַ מיסע מעשונע זיי נעמען,
זאָל אַף זיי קומען אַ וויסטע כאָלעריע!

עס שווינדלט דער גלאַנציקער שטאָל פונעם מעסער,
ווי שאַרף פון דער האַק איבער לעבן פון ביימער —
באַלד ווערט די גאַס, ווי גראַניט דינאַמירטער,
אַף שטיקער צעריסן פון פיינלעכער איימע.

אַט פליט דורך די שאַרף, ווי אַ בליץ אין דער לופטן,
און שניידט זיך אַריין אין נעבויגענער פּלייצע —
אַ געשריי און אַ פאַל! איבער ווערטער פון סטרייק־שילד
אָפענע בלוטיקע אָדערן פּלייצן — — —

אַ מענטשלעכער אָנלויף פון הייזער און ראָגן:
— וואָס? פאַרוואָס? ווער? וועמען?
אַן אַמבולאַנס פאַלמעסט מיט אומרו די גאַסן,
בלוי־רעק דעם אויפברויז הויבן אָן קלעמען — — —

פּלוצלונג: אַ וויסטע יעלאָלע דערטראָגט זיך —
אַ ווייב מיט פאַרכאַלעשטע הענט אויסגעשטרעקטע,
זי פאַלט אַפן שטיין, וואו איר מאַן איז געפאַלן
מיטן קאָפּ אין די וואַרעמע בלוטיקע פלעקן — — —

באלד האָט דער אומגליק דערגרייכט יעדן סטרייקער,
לויפט מען מיט הערצער, וואָס רייסן ווי וואונדן —
דער באָס אינעם שאָפּ, ווי אַ שטשור אין אַ פּאַסטקע,
ווערט פון זיין אייגענער מוירע געבונדן — — — —

דער סטרייק האָט זיך עטלעכע וואָכן געצויגן,
און מאַטל איז וואך אף די פיס פון באַגינען:
ברידער, ס׳איז שווער, נאָר לאָמיר זיך האַלטן,
וועט מען זיך שפּעטער מער קאָנען פאַרגינען — — — —

היט מען דעם שאָפּ, ווי סאָלדאַטן — אַ פעסטונג,
עס זאָלן, ווי ווערים, זיך סקעבס ניט פאַרקלייבן.
דער שאָפּ האָט געהאַלטן זיך שטייף און געאייניקט,
און —

דער באָס האָט אַן אָפּמאַך געמוזט אונטערשרייבן — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

געגאַנגען צוריק
צו דער אַרבעט, ווי נייע.
דער באָס זיצט אין שאַפּ —
אַ פאַרוואונדעטע כייע...

דער טאָג בא דער אַרבעט
געוואָרן איז קירצער,
דער באָס האָט גענומען
די אַרבעטער אירצן...

ס'גייט זיך אַהיים
נאָך דער אַרבעט גאָר גיכער,
און דאָס לעבן איז געוואָרן
שטאָלצער און זיכער...

נייע געפילן
און נייע געדאַנקען,
ווי נאָך אַ לענגערער
קראַנקייט — אַ קראַנקער —

און ס'האָבן מאַשינען
צעזונגען זיך ווידער,
און אין זיך בא די אַרבעטער
זינגען זיך — לידער — — — —

ס'איז דער געוואוינטער סטרייק לאנג אריבער,
און ס'לעבט מיט דער פאמיליע מאטל באקוועמער.
האט ער מיט דער ווייב נאך א אישעוו באשלאסן:
א וואוינונג אין א שענערער געגנט צו נעמען.

האט מען געקליבן, געזוכט און געפונען
א געגנט, א ריינע מיט ביימער און גראזן,
און אין א שאבעס די קאלטע דריי „רומקעס"
אין קויטיקער בראנזווילער געגנט פארלאזן.

ס'איז מאטל בעטעווע א יונג גאר א וואוילער
און טראכט ניט צו מיעסער רייכקייט צו שטייגן,
נאר גוט, וואס דאס הויז איז באַרינגלט מיט גראזן,
און ס'קוקן אריין אין די פענצטער די צווייגן — — — —

און ער איז מיט זיין איכעס בא זיך ניט געפאלן,
שטאלץ, וואס ער איז פון דעם ארבעטער־קלאס,
נאר ס'פילט זיך דא מאטל, ווי עפעס א פרעמדער
אין שענערער געגנט, אף ציכטיקער גאס.

נאר צוריקגערעדט: ווער אזוי רייניקט די גאסן
און צווײמאל א טאג זיי פארקערט און באשפריצט?
זיי זיינען מיט אים דאך פון אייגענעם לעבן,
צו מאכן באקוועם דעם, וואס רייכקייט באזיצט.

און ס'פויעלט בא זיך מאטל, אז ער איז בארעכטיקט
צו וואוינען אף ציכטיקער, זוניקער גאס.
נאר ווענען זיין זון האט ער איינמאל באשלאסן:
ביים באס וועט ניט שקלאפן, ווי ער און זיין קלאס —

גייען די יאָרן און ווערן פאַרפאַלן

גייען די יאָרן און ווערן פאַרפאַלן,
ווי אין אַ טייך ווערט פאַרפאַלן אַ רינג,
און צווייטמאָל אין מאָנאַט גייט מאָטל צום מיטינג
פונעם לאַנדסמאַנשאַפט ברענטש פונעם אַרבעטער רינג.

זיצט אַף ביים מיטינג דעם גאַנצענעם אָוונט,
און ס'הויבן באַ אים אָן די אויגן זיך קלעפּן:
מיטינג נאָך מיטינג, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער,
ווי אינעם שאָפּ — דאָס איינטאָניקע שטעפּן...

און איינמאָל אין יאָר, אַפּן יערלעכן יאָנטעוו,
לאַדט מען איין אַן „עקטאָר" — „איילי" צו זינגען.
און ס'זיצן פון אויבן פון ברענטש די באַאמטע
מיט קינדער און ווייבער מיט דימענטן־רינגען...

דאַכט זיך, אַ יאָנטעוו מיט וויין און מייכאָלים,
נאָר מאָטל זיצט אַף דאָ אַ נאַכט, ווי אַ פרעמדער:
ס'איז פריקרע: אויבן — די ווייבער מיט רינגען,
און די מענער מיט שפילקעס אַף שניפּסן פון העמדער...

נאָר לעבן איז דאָך ניט קיין זומפּ,
און צייטן ווערן פלינקער —
און ס'האָט דער ברענטש געשפּאָלטן זיך
אַף רעכטע און אַף לינקע.

און עס איז באַ מיטינגען
געוועזן אַף בענק און טישן.
און מאָטל האָט צום ערשטן מאָל
דערהערט אַ וואָרט אַ פרישן:

מיר טאָרן ניט בא מיטינגען
נאָר רעדן וועגן קארקע,
ווען דער ארבעטער אין דער אלטער היים
איז פריי פון קייטן צארסקע!

מיר טאָרן זיך ניט אין דעם קאמף
פון ווייטנס שטיין פארגינען,
מיר דארפן העלפן די ארבעטער
דעם לעצטן קאמף געווינען!

אף אלע מיטינגען א קאמף
פון לינקע און רעכטע צדאָדים —
און די צייט האָט גענומען שפינען
איר בלוטיק רויטן פאָדעם — — — —

ברידער דאַרף מען גלויבן

און איינמאָל האָט א פאל אזא
אפן מיטינג זיך פארלאָפן:
ס'האָט מאָטל דעם לענדלאָרד פון זיין הויז
בא דעם ברענטש געטראָפן.

און געזעסן איז ער באַשעוו,
נאָר פון סאמע אויבן...
מאָטל זעצט זיך און ער קאָן ניט
זיינע אויגן גלויבן.

קוקט ער נאָכאמאָל זיך איין,
ווי איינער אין א בריוול...
א שאָכן האָט אים איינגערוימט:
— פון דער נאציאָנאלער עקזעקוטיווע — — — —

— ער איז געקומען היינט אהער
די לינקע צו באַווייזן,
אַז קעמפן קענען רעכטע דאָ
איז גלייך ווי ברעכן אייזן —

און ס'האָט דער לענדלאָרד זיך צערעדט,
ווי עלטסטער צו סאָלדאַטן...
אזוי צערעדט זיך נאָר אזא,
וואָס שעלט אין טאַטנס טאַטן —

רייד פון לענדלאָרד — האסטיקע,
ווי פויסטן אויף די שלייפן.
מאָטל פילט, עס פּלאַצט זיין קאָפּ,
ווי הילצערנע רייפן —

לענדלאָרד שרייט, ווי מאָטלס באָס
אין יענע שוויץ־שאָפּ יאָרן:
— ווען איר עס געפעלט ניט דאָ,
קאָן אין מאָסקווע פאָרן! — — —

און ס'האָט באַ מאָטלען זיך דער מאַרך,
ווי טרוקן האָלץ צעפלאַקערט —
רייד פון לענדלאָרד אויף זיין קאָפּ,
ווי שטיינער אויף אַן אַקער...

און אנטקעגן זיצן לינקע,
אויגן — פונקען פייער.
זיצן גרייטע, ווי סאָלדאַטן
פאַר אַטאַקע נייער — — —

מאַטל פּילט אין דער לינקער גרופּע —
איינגעשפּאַרטע גוואורע,
און עס ווערט אים עקלדיקער
פון דעם לענדלאָרדס צורע.

ס'לויפן רייד פון לענדלאָרדס מויל,
ווי שטשורעס פון די לעכער:
— מירן אויסשליסן פון ברענטש
אַלע לינקע ברעכער!

מאַטל רייסט זיך אָפּ פון בענקל:
— טשערמאַן, ס'איז א שאַנדע!
זיינען מיר דאָ פריינט און ברידער,
צי א רויבער־באַנדע?!

— „סיט דאַון!" וואָרנט דער לענדלאָרד.
— „שעראַפּ"! פאַלט אָן דער טשערמאַן.
— טשערמאַן, איר וועט מיט קיין האַמער
דערעכערעץ מיר ניט לערנען!

איינער שלעפּט אים פאַרן אַרבל,
א צווייטער פּאַכעט מיט א פויסט שוין,
מאַטל שטייט אַן איינגעשפּאַרטער,
ווי א פעלז אין שוים צעברויזטן.

— כּאוּוער! — גאַליקט אוים דער טשערמאַן
ס'איז אייך דאָ ניט יוניאָן סקווערל —
פאַרשטאָפּט די אויערן מיט „קאַטן",
אויב איר קאָנט שוין מער ניט הערן.

— כ׳ווייס ניט, צי איך בין א כאווער,
נאָר ס׳איז זיכער, כ׳בין א שניידער,
און איך קאָן אויף פריינט און ברידער
אזא אָנפאַל ניט פאַרליידן.

—אָ, איר קאָנט עס ניט פאַרליידן,
נו, די טיר איז ניט פאַרשלאָסן,
וואָרן איך אייך: זיצן רואיק
און לאָזן רעדן דעם גענאָסע.

מאָטל וואַרגט זיך מיטן אָטעם,
עס פלאַקערט אים דאָס פּאָנעם —
עס ווערט אים קלאָר, אז דער ארבעטער רינג
ליגט אין די הענט פון סאָנים —

און ס׳ווערט דער עמעס פון די לינקע
קלאָר, ווי בלאַנקע שויבן:
ניט דעם כוצפּעדיקן לענדלאָרד,
ברידער דאַרף מען גלויבן — — —

עס ווערן מאָטלס אַלע ספּייקעס,
ווי אַ קנופּ צעבונדן —
מאָטל האָט זיך מיט די לינקע
יענע נאַכט פאַרבונדן — — —
— — — — — — — — — — —

נייער וועג און אַלטע היים

ס'איז מאָטל אוועק
אַף אַ ליכטיקן וועג,
די ספּייקעס פאַרשוואונדן,
ווי וואָלקנדיקע טעג.

ער נעמט שוין דעם „פאָרווערטס"
נים מער אין די הענט,
און לענין מיט מאַרקסן
אין שטוב אַף די ווענט.

ס'איז מאָטל געוואָרן
מיט אימפּעט באַנייט,
ס'האָט מאָטל פאַרשטאַנען
דעם רוף פון דער צייט.

אַ מיטינג פון דער יוניאָן,
פון דער גרופּע אין ברענטש —
ס'איז נויטיק די קויכעס
פון איטלעכן מענטש.

ס'איז ארבעטער־ברודער
פאַרפירט און פאַרפרעמדט,
אין די הענט פון דעם סוינע,
ווי דער קערפּער אין העמד...

און דער עמעס איז קלאָר דאָך,
ווי אַ קינדערשער שמייכל —
מיר דאַרפן מיט אים נאָר
די מאַסן דערגרייכן.

ס'איז מאָטל געוואָרן
מיט קויכעס באַנייט,
ס'איז מאָטל געגאַנגען
נאָכן רוף פון דער צייט — — —

נאָר ס'האָט זיך אין שטוב עפּעס איבערגעביטן,
די ווייב גייט אַרום, ווי באַליידיקט, פאַרשעמט.
ס'האָט מאָטל געכאַפּט זיך, אַז ער איז געוואָרן
פון דער ווייב און דעם זון דערווייטערט און פרעמד.

דאָס לעבן דאָס נייע האָט געריסן ווי ווינטן,
געשלונגען די צייט, ווי אַ דורשטיקער — וואַסער.
נאָר אין דער היים איז דאָס לעבן געוואָרן
ווי ס'פּאָנעם פון אַ קראַנקן אַלץ בלאַסער און בלאַסער —

דער זון גייט אַרום אין דער היים, ווי אַ פרעמדער.
די ווייב איז געוואָרן אַ שטילע, אַ פאַרקלערטע...
ס'וואָלט מאָטל געוואָלט זיי דערציילן, דערקלערן,
דאַכט אים, ס'וועט זיין פאַר זיי — ווילד פרעמדע ווערטער — — —

ס'פלעגט אַמאָל מאָטל דער ווייב אַלץ דערציילן,
ווען ער איז פון לעבן געווען אָפּגעזונדערט.
איצט, אַז ער רעדט וועגן אייגענעם לעבן,
הערן אים צענדליקער, הערן אים הונדערט — — —

אַמאָל אין די אָוונטן — „דער פאָרווערטס", אַ מואווי,
און זיך געלייגט אַ פאַרמאַטערטער שלאָפן.
איצט זיינען די אָוונטן — אימפּעט, ענערגיע,
פול מיט דערוואַרטונג און ליכטיקן האָפן.

אַלץ, וואָס איז מאָטלען איצט נאָענט און טייער,
איז צו זיין ווייב און זיין זון ניט דערגאַנגען.
דאַכט זיך אים, רייד זיינע, פרישע און קלאָרע
וועלן פאַר זיי זיין — נאָר ווילד פרעמדע קלאַנגען — — —

ביז —
דער וויסטער נאכט פון סאקא און וואנזעטי,
ווען ס׳האט דער סוינע, ווי א שלאנג, געזויגן זיין נעקאמע...
מאטל איז אהיים געקומען פון די גאסן א צעדולטער
און בא דער טיר פון הויז זיך אפן קאל צעיאמערט — — — —

ס׳האט דער יאמער צעריסן דעם שלאף אין דעם הויז,
ווי א שראפנעל רייסט סאלדאטישן לייב — — — —
און פון די בעטן עס זיינען ארויס
דערשראקענע, דער זון און די ווייב.

— מאטל, פארוואס?
— מאטע, וואס ווינסטו?

— פארברענט.
געבליבן אש פון
סאקאן און וואנזעטין.

איבער דער ערד
טראגט זיך איצט,
ווי א קויל אין הארץ,
א וויסטע בסורע —
טויט.

מיר זיינען געשטאנען אין די גאסן
און געקוקט
אף די זייגערס,
אף די ווייזערס,
און געציילט
א מינוט, א סעקונדע.
יעדע סעקונדע —
ווייניקער לעבן.
יעדע סעקונדע —
נעענטער דער טויט.

אפן עלעקטרישן שטול
זיינען מיט
סאָקאָן און וואַנזעטין
נעזעסן:
איך און דו, און דו,
און מיליאָנען,
ווי מיר — — — —

דער סוינע האָט אוועקגערויבט פון אונדז
צוויי לעבנס,
ווי א ווילדער מאניאַק
רויבט אוועק א קינד
פון א מאַמען — — — —

און מיר האָבן געהערט,
ווי ער פאַרשווינדט
מיט סאַקאָן און וואַנזעטין
אַלץ ווייטער פון אונדז
און ער
וואַרפט זיי אין פייער — — — —

איצט נייען מיר אַרום
איבערן לאַנד,
מיט
טויט
אין די אויערן,
אין די קעפּ — — — —
— — — — — — — — — — —

ס'האָט די שטילקייט איצט געפּלאַטערט,
ווי א רויטע פאָן אין שוואַרצן,
שאַרפער ווייטיק איז געקומען
פון איין האַרץ אין צווייטנס האַרצן — — — —

דער זיינער האָט געטריפט אַף שטילקייט
טראָפּנס שטומען טרויער...
מאָטל מיט דער ווייב און דעם זון —
איין הארץ און איין אויער — — — —

ס'איז אוועק א נאכט מיט שאָטנס,
אַ שטומע נאכט מיט פּיין,
ביז די זון האָט די ווענט באַגאָסן
מיט פרימאָרגן־שיין — — — —

— — — — — — — — — — —

פאלט א בראָווער קעמפער,
קומען טויזנט נייע.
ווערן קאמפן הייסער,
און נעענטער טעג, די פרייע.

נעענטער טעג, די פרייע.
נעענטער טעג, די רויטע,
ווען די גאסן וועלן טראָגן
די נעמען פון די טויטע — — — —

ווען מע וועט א וועלט מיט קינדער
מיט מייסעלעך פארוויגן
וועגן כאַווײרים, וואָס זיינען געפאַלן
פאר די לעצטע זיגן!

וויפל קעמפער פאלן?
צייל אין הארץ די שניטן...
צייל, ביז גאָר די וועלט
וועט אַף סאָוועטן זיין פארביטן — — — —

זיינען די מאָנומענטן —
דאָס הייסע בלוט אין גלידער.
ווערן די קאמפן שארפער,
און קעמפערשער — די לידער.

נייע רייד

דאָס לעבן אין שאַפּ
האָט גענומען זיך בייטן.
און אַנשטאָט אין קאָרטן צו שפּילן,
זיצט מען אין מיטיק־שאָ אַלע צוזאַמען,
און אַלע זיך אויסרעדן ווילן.

אַוועק שוין די טעג
פון די פּוסטע דיבורים.
מע רעדט וועגן סאַקאָן, וואַנזעטין,
וועגן די לינקע און רעכטע אין יוניאָנס
און וועגן דעם לאַנד פון סאָוועטן.

נישטאָ אין דעם שאַפּ
קיין געאייניקטע מיינונג,
מע לייענט די באַסישע פּרעסע,
און מע דערפילט ניט, און מע דערזעט ניט
אין אייגענעם נאָקן דעם מעסער...

און מאָטל דערקלערט,
(און ס'איז מאָטל גערולדיק)
מיט פאַקטן, מיט קלאָרע באַווייזן,
דער „טאָג" און דער „פאָרווערטס" קאָנען ניט זיין
קיין שידעך מיט שער און מיט אייזן — — —

הערט מען זיך צו
צו די פּאַשעטע ווערטער,
און ווען מע זיצט בא מאַשינען,
טראַכט מען די מיינונגען ווידער אַדורך,
און מאָטלס פאַרבלייבט אינעם זינען.

ווי רעגנס דורך דער ערד
געפינען די וועגן
אין קוואַלן, אין טייכן און יאַמען —
אַזוי צו די אַרבעטער האָט מאָטל גערעדט,
און די אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען — — —

יאָנטעוו

אין דער היים זיינען וואָרעם געוואָרן די רייד,
צום צענטן יאָנטעוו פון סאָוועטן
די היים זיך גרייט.

דערצו איז געקומען אַן אייגענע פרייד:
דער איין־און־איינציקער זון
אין קאָלעדזש שוין גייט.

אין אָוונטן פרייע זיצט מען צוזאַמען,
און ס׳לייענט פּאָר מאָטל
פון „פרייהייט" און „האַמער".

דער ווייב איז נאָך שווער צו פאַרשטיין און באַגרייפן:
ווערטער פון קאַמף
זיינען שטרענגע און שטייפע.

מיטן זון איז די אַרבעט אַ שווערערע נאָך:
ס׳איז פרעמד אים אין גאַנצן
דער אַרבעטער־יאָך.

דער זון איז געוואָקסן אין האַרציקער היים,
ווי אונטער דער זון
וואַקסט אַ פרוכטבאַרער בוים...

אין שטוב — דער אָרום איז, ווי וואַרעמע אויגן,
איז שווער צו דערפילן,
ווי מענטשן זיך בויגן — — — —

ס׳איז שווער צו דערפילן דעם בייטש אפן רוקן,
ווען טאַטע און מאַמע
אין די אויגן אַריין קוקן.

נאָר פּאַשעטע ווערטער איז — זון אין די גלידער...
דער זון הערט, ווי ס׳רעדט
דער טאַטע, דער מידער:

— מיר טראָגן יעדן טאָג אוועק אין שאַפּ
אַזויפיל פרישע קויכעס,
און נאָך דער ארבעט
פאָרן מיר אהיים,
ווי קראַנקע
אין די סאנאטאָריעס — — — —

אין דער היים ביסטו
א טאַטע, א ברודער
און הערסט ווארעמע, מענטשלעכע רייד.
אין שאַפּ
זיינען ווערטער פון דעם באָס און דעם פאָרמאַן,
ווי שטיינער אין קאָפּ...

אין דער היים ביסטו
א מענטש,
קאָנסט אייצענען, זאָגן
און מע וועט דיך פארשטיין און פארנעמען.
אין שאַפּ וועט דער באָס
און לאקייאישער פאָרמאַן
דיינע צענדליקער יאָרן פארשעמען — — —

לערנסט, מיין זון,
און וועסט ווערן א דאָקטער
פון טאַטנס פיל־יאָריקער פראַצע.
דיר קומט יעדן טאָג צו מער קויעך און וויסן
פון מיינע פארמאַטערטע יאָרן...

ס'איז אנדערש אין לאַנד פון סאָוועטישע מענטשן:
דער זון דאַרף ניט וואַקסן און לערנען
אויפן כעזשבן פון טאַטנס
צעפּאַטערטן לעבן...

ס'איז אנדערש אין לאַנד
פון סאָוועטישע מענטשן:
דער זון און די טאָכטער
פון אַרבעטער־היימען געהערט דאָרט
צום לאַנד,
ווי די לופט און דאָס וואַסער,
און די זוניקע פעלדער...

ס'איז אנדערש אין לאַנד
פון סאָוועטישע מענטשן:
דאָס לאַנד דאָרטן כאָוועט
די זין און די טעכטער,
ווי ס'כאָוועט די קינדער
א קרעפטיקע מאַמע — — — —

ווי שיפן אַלץ נענטער
קומען צום ברעג —
אזוי מאַטלס פאַמיליע —
צום ליכטיקן וועג — — — —

ווי אָנהויב אַ מאַגייפּע...

האָסט געזען אַמאָל, כּאַוועה,
ווי ס'גייט אונטער אַ שיף,
און עס שלעפּן די וואַסערן
זי אין דער טיף?

צי ווי אַ קענסער
עסט אויף מענטשלעך לייב,
און מיט יעדן טאָג — לעבן
ווייניקער בלייבט? —

אַזוי האָט אָנגעהויבן איינגיין
פּראָלעטאַריערס פּאַרדינסט,
און עס העלפּן די פּאַרעטער
רויבן אַרבעטערס געווינס.

מע האָט גענומען שניידן סכירעס,
שטיקער אייוורים פון דעם לייב,
נאָך אַ שווערער וואָך פון אַרבעט
אַף אַ קאַרגן אויסקום בלייבט.

און אַף אַרבעטער אין שעפּער
אונטער ערלעכער קאָנטראָל
פירן מערדערלעכע שכיטעס:
„פּאָרוועטס“ גענג און מעטיו וואָל — — — —

— — — —

מאָטל אַרבעט נאָך געשווינט,
ווי אַמאָל אין פרישע יאָרן,
נאָר דעם באָס איז אַלץ נאָך קאַרג,
יאָגט מען די אַרבעטער אין שאַפּ,
ווי פערד מיט מאַסע אַף אַ באַרג...

זיצן די אַרבעטער אין שאַפּ
מיט לייב און לעבן אין מאַשינען
אין מעשוגענעם געיעג —
אַ שניט אין סכירעס, ווי אין פלייש,
אַ שניט אין אַרבעטס־טעג.

און אומעטיקער ווערט אין שאַפּ:
וואו איז סעם? און וואו איז איזי?
קריכט, ווי שפּין, אין קאָפּ אַ שרעק:
נעכטן — סעם, און איזי — היינט,
טאָמער שיקט „ער" מיך אַוועק? — — — —

ס'איז ווי אָנהויב אַ מאַגייפע
אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן —
פּאַכעד לעבן יעדער טיר:
טאָמער פון דעם שאָכנס שוועל
כאַפּט זי זיך אַריין צו מיר — — — —

און אין בעט — די לאַנגע נאַכט
ווערט, ווי אַלט געוואַנט צעקראָכן...
ווערן שווערער מידע קעפּ,
און אַף שלייפן, ווי אַן עגבער —
זייגערס מאָנאָטאָנע קלעפּ —

נאָר ס'גייט די צייט ניט אַף צוריק,
ס'וועט פערד מאַשין שוין ניט פאַרבייטן,
בלוט געקאָסט האָט יעדער זיג,
וועט אָנגריף פון דעם הערשער־קלאַס
מער פאַרשאַרפן קלאַסן־קריג — — — —

שטיינער אין בלוט

דאָס לעבן איז ווייניקער זיכער געוואָרן,
ווי אין אַ געגנט אַרום אַ וואולקאַן . . .
מע אַרבעט אָפּ וואָכן, ווי פערד אונטער בייטשן,
און ס'איז אפן דירע געלט נאָך ניט פאַראַן.

אַרבעטער הויבן אָן קעמפן אַנטקעגן
העפּקיירעס פון באָסעס און יוניאָן־לאַקיי —
שטיינער פון גאַסן אין בלוטן זיך ווייקן
מיט בלוט פון קאַטאָוויסן און עלא מעין.

און עס פאַרבינדט זיך דער בלוט רויטער פאָדעם
מיט קאַמפן געוואַגטע פון היי־מאַרקעט טעג:
ס'האָבן נאָך קיינמאָל ניט קוילן און טליעס
אָף מוטיקע קעמפער געוואָרפן אַ שרעק.

און אין די קאַמפן פאַרביטערטע, שאַרפע
באַטייליקט זיך מאָטל דער שניידער געטריי.
ס'טאָרן ניט, ס'וועלן ניט טעג פון דעם שוויץ־שאַפּ
מאַטערן אַרבעטער־לעבנס אפסניי.

ס'האָבן פאַרעטער אין מעשעך פון יאָרן
די קאַמפן געפירט דורך אָן אָפּיס און בריוו . . .
איז שווער פון דעם אָנהויב צו מאָביליזירן
אַ קלאַסן באַוואוסטזיניקן קאַמף־קאָלעקטיוו.

אַ שענדלעכע פּרעסע, ווי אַ קלעפּיקע קראַנקייט,
שפּרייט מיעסע ליגנס, ווי סאַמיקע לופט . . .
נעדויערט, ביז מאַסן פאַריאָכטע אין שעפּער
דערהערן דעם עמעסן קעמפערשן רוף.

און ס'לייענט פאַר די אַרבעטער מאָטל די „פרייהייט“
און רעדט פונעם האַרץ, ווי אַ מאַמע צום קינד:
— ווי נאָדל אין רוי־פליש, קריכט טיפער דער קריזיס,
ברידער, מיר דאַרפן זיין אייניק אַצינד.

אויב ניט, וועט דער באָס אונדז באַהאַנדלען, ווי בעטלער,
וואָס שטייען געבויגן בײַ דער פינצטערער טיר...
מע וועט וואַרפן פון שעפער אויף העפקער אין גאַסן,
ווי שערבלעך פון אַלטן געפּלאַצטן געשיר.

וואַרט ניט אויף ראַטעווען די אייגענע לעבנס,
ווען דאָס פייער וועט לעקן די ברעגן פון דאַך.
מיר טאָרן ניט זיין איצט צעשפּליטערט, צעריסן —
און —
דאָס לאַנד האָט אַ שווידער געטאָן פון דעם קראַך! —

קראַך

ציטונגען
מיט גרויסע „קעפּ“,
ווי שוואַרצע קרעפּ:
וואָלסטריט קראַך!!!

אַזאַ אײמע אין יעדן אָטאָ־סיגנאַל:
וואָלסטריט פאַלט!!!

ס'דאַכט זיך:
אַ ריז
האָט אַלץ העכער געקלעטערט,
דערנאָך זיך אויף שטיקלעך
אין פעלזן צעשמעטערט — — —

עס שליסן זיך
באנקען, פאבריקן.
מענטשן ווארפן זיך
פון בריקן.

יאָרן געקארגט,
אף נויט און אף עלטער
א טאָלער געקליבן —
איז אין איין שאָ
דערפון גאָרנישט געבליבן.

אף ראָגן,
אף גאסן,
אף סקווערן
יעדן טאָג ארבעטלאָזע
זיך מערן.

שטראָמען ארבעטער
פון שיפן, פאבריקן,
גיסערייען און מיינס
אין די „ברעדליינס“

און הואווער,
און גרין,
און דער „פאָרווערטס“,
און לאָווסטאָן —
אין איין קלאל:
ס׳איז א קאפריז
פון קאפיטאל — — — —

ס'רייסן ווי וואונדן די „גאָלדענע" טעג

אין קוימען נאָך קוימען
גייט אויס דער רויך,
ווי ביי א בלוטנדיקן מענטשן
גייט אויס דער קויעך — — —

פון א פולער וואָך ארבעט
בלייבט א טאָג, אָדער צוויי,
פעלט אפן טיש שוין
די פוטער, דאָס איי.

קאָן שוין ניט מאָטל
מיט ווינט־פלינקע הענט
פארדינען גענוג
אפן עסן און רענט.

און פאר דעם זון
אין דעם אוניווערזיטעט
מאָטל צאָלן
איצט ווי ווען?

ווארט מען מיט קליידער
אף א בעסערער צייט,
דער זון איז צום ציל דאָך
שוין נעענטער ווי ווייט.

מע וויל צום געדאנק ניט
אפילע דערלאָזן,
דער זון זאָל גאָר דארפן
דעם קאַלעדזש פארלאָזן.

נאָר ווען דער לענדלאָרד
קומט מאָנען די רענט,
מאָנען ביי מאָטלען
די פיס און די הענט.

וואָס גייט אָן דעם לענדלאָרד,
דעם ארבעטער רינג פירער ? —
— איר פארדינט ניט גענוג,
זוכט א ביליקע דירע !

ס'האָט מאָטלען געגעבן
א רים פון דעם אָרט :
— איר האָט פון מיין רענט
זיך א הויז אָפגעשפּאָרט !

— כ'בין צו קיין כוצפע
ניט געוואוינט אין מיין הויז !
באַצאָלט וואָס עס קומט,
אָדער קלייבט זיך ארויס !

ס'האָט מאָטל געוויזן
דעם לענדלאָרד דעם וועג.
— — — — — — — — — — — —
ס'רייסן ווי וואונדן,
די „גאָלדענע" טעג — — —

נויט לערנט

ס׳וואקסט די נויט אין דעם לאַנד,
און ס׳פאַרשפּרייט זיך דער הונגער,
ווי פּליסיקע לאַווע.
און ארבעטער הויבן שוין אָן צו דערקענען:
ווער סוינע איז,
און ווער ס׳איז אַ כאַווער.

אף די יוניאָנס ליגן,
ווי שטיינער אף די הערצער,
סאָציאַל — קאַריערליסטן,
וואָס העלפן פאַר געלט, דורך פאַראַט
צו פאַרטיפן
דעם קריזיס, דעם וויסטן.

זיצן אין די יוניאָנס
פירער פאַרקויפטע
און כוויזעקן, הירזשען —
און ס׳קומען יעדן טאָג
מען ארבעטלאָזע
אף די בירזשעס.

נאָר אין די שעפּער
לערנט די נויט
און ווייזט, ווער עס רייסט
פון די מיילער דאָס ברויט.

כאַפּט מען זיך, ווער ס׳האָט
פאַרקויפט און פאַרפירט.
און קאָעס, ווי נאָדל
אין לייב, מען דערשפּירט...

כאַפּט מען זיך, ווער ס׳האָט
פאַר יאָר־יאָרן לאַנג
די מאַסן פאַרקויפט
פאַר דעפּאָזיטס אין באַנק — — — —

עס עפנט די אויגן
דער יאָך פון „ספּיד־אַפּ“,
מע הויבט אָן דערקענען
די פויסט פון דעם קלאַפּ...

עס עפנט די אויגן
— אין שאַפּ דאָס געיעג
וואָס אַמאָל אין אַ וואָך,
מאַכט מען איצט אין צוויי טעג.

עס לעבערן טראָפּנס
דעם גליוווער פון שטיינער, —
מאָטל איז איצט אינעם שאַפּ
שוין ניט איינער.

— שוין צייט די פאַרפירער
צו וואַרפן פון קאַרק
און ווערן מיט קויכעס,
מיט אייגענע שטאַרק.

— ווי שניי אױף דער זון,
אונדזער אַרבעט צעגייט.
ווער נאָך, ווי מיר,
עס דערפילט און פאַרשטייט?

— ניט שולדיק, כאוויירים,
איז די שטומע מאשין —
מיר זיינען אין אייגענעם
לעבן נאָך גרין.

— מע דאַרף שיקן צום טייוול
די יוניאָנס אָפּישלס,
און אַליין אין דעם אייגענעם
לעבן זיך מישן — — — —

אַזוי אונדזער מאָטל
מיט פּאַשעטע רייד,
ווי צייטיקער רעגן
אויף אַ טרוקענער בייט...

צו אַ העלפּט פון דעם שאַפּ
איז שוין קלאָר דער געדאַנק:
אַ העלפּט צו דער טי. יו. על.
שוין באַלאַנגט.

— — — —

ס'ווערט שווערער דאָס לעבן
פון טאָג ביז פאַרנאַכט —
האָט מאָטל מיט דער ווייב
זייער לאַגע באַטראַכט:

שוין באַלד צוויי כאַדאָשים
קיין רענט ניט געצאָלט,
און מע האָט די עלעקטריק
פאַרמאַכן געוואָלט.

ס'איז שווער צו פארבלייבן
אין „לייטישן" הויז,
סיידן אף רענט נאָר,
צו ארבעטן בלויז.

שפּאָרן און קלייבן
פון קארגער פּארנאָסע
און רענט צו באַצאָלן
דעם לענדלאָרד־גענאָסע ? —

נאָך עטלעכע שאָ
איז געבליבן בא ביידע :
מיטן לייטישן הויז
פון גענאָסע זיך שיידן — — —
— — — — — — — — — — —

צוריק אין בראָנזוויל

ס'האָט מאָטל פאַרקליבן זיך ווידער אין בראָנזוויל,
אין אַ פאַראָרעמטער אַרבעטער־געגנט.
דאַכט זיך אויס מאָטלען, ער האָט עפּעס פּלוצלונג
אַן אַלטן פאַרלאָרענעם כאַוער באַגעגנט...

קיין גראָז איז דאָ קיינמאָל ניט, דאַכט זיך, געוואַקסן.
ווי האַרבסטיקע וואָלקנס — קאָליר פון די שטיבער.
די געגנט דערמאָנט אין אַ קראַנקן אַף לונגען,
וואָס ווערט אויפגעגעסן פון אַ שטענדיקן פיבער...

נאָר ס'וואוינען דאָ ברידער פון שער און פון נאָדל,
און אַ טיר אין אַ טיר וואוינען ווייסע מיט שוואַרצע —
ס'ווערט דאָ דער מענטש מיט דיר שנעל אַזוי היימיש,
ס'רעדן דאָ שכיינים פון אָפענעם האַרצן — — —

מע פלאַנצט אין דעם לאַנד דאָ אַ סינע צום נעגער
מיט ניט געשטויגענע העסלעכע מייסעס —
נאָר דאָ אין בעשוטפּעסער וואַנט שפּאַרט זיין קאָפּ אָן
פון איין זייט אַ נעגער, פון דער צווייטער — אַ ווייסער...

און עס שפּילן זיך קינדער אין דרויסן צוזאַמען:
אַ הענטל אַ שוואַרצס אין אַ הענטל אַ ווייסן,
ווען ס'קומען אַהער די לעגרים פון דער סאַוט,
זיי וואָלטן די האָר פון די קעפּ זיך דאָ רייסן — — —

נאָר עס שטיקן צונויף דאָ די הילצערנע שטיבער
די ראָגן מיט שטיינערנע באָטע־מעדראָשים,
און אין די פּרייטיקס, שאַבאָסים, יאָנטויווים
ווערט סטיבישער קאַעס מיט טפילעס געלאָשן — — —

דאָ היט מען נאָך אַפּ דעם שוואַרץ־הייליקן שאַבעס,
עס הערשט נאָך דער שטריימל, דער ראָוו און דער גאַבע.
דאָ שטילט מען די נויט פון פאַרהונגערטע שטיבער
מיט פאַלשן גאַניידן און מיט אוילעם האַבע.

עס קלייבט זיך א סינע פון קנעכטישער אַרבעט.
מע בויגט זיך נאָך הילף, ווי פאַרלאָשענע קנייטן —
קאָן זיך דאָך סינע מיט סינע באַהעפטן
און אויפגיין, ווי גערעטענער ברויט פון די בייטן...

נאָר ס׳היטן דעם הונגער, ווי פּינצטערע וועכטער,
יעהאָוועס צוזאַמען מיט יעזוסן קריסטן —
טראָגט מען דעם יאָך, ווי דעם האָרב טראָגט א הויקער,
שטילט מען דעם הונגער מיט אָפּפאַל פון מיסטן — — —

ליכטיקער אָנהויב

ס'איז מאָטל געוואָרן דערמוטיקט, באַגייסטערט,
פאַראַן דאָ אַ פעלד פאַר דער אַרבעט,
נאָר דאָס פעלד איז פאַרוואַקסן מיט שימל און ווילדגראָז,
און די אַרבעט וועט זיין גאָר אַ האַרבע:

די געל־שוואַרצע פרעסע מיט טכינע־ראָמאַנען,
דער ראַדיאָס אידישע שטונדן
פאַרצערן דעם פּאַשעטן סייכל פון מאַסן,
ווי דעם גוף — סיפיליטישע וואונדן — — —

נאָר ס'איז שוין געמאַכט דאָ אַ ליכטיקער אָנהויב,
ביז מאָטל „געמואוווט" האָט אַהער:
אָט שטייען צוויי נעגערשע קינדער אין דרויסן
און לייענען דעם „פּיאָנער".

און אָט איז אַ ברענטש פונעם אַרבעטער אָרדן,
און אָט איז אַן אַרבעטער־קלוב.
און אָט וויגט אַ שילד זיך פון אַן אַרבעטער שול
איבער אַ הילצענער שטוב.

און מאָטל דערפילט, ער האָט יאָרן אַזויפיל
געוואוינט, ווי אַ גאַסט אין אַ האָטעל...
ערשט דאָ אין דער געגנט דערזעט ער, ווי ס'ווערט
פון די אַרבעטער־לעבנס אַ טעל — — —

עס ערשט טאַקע דער ראָוו, און עס הערשן קליי־קווידעש,
און ס'העלפט זיי דער „פּאָרוועדטס" און „טאָג" —
נאָר ס'קומט שוין אַן אוילעם צום אָפּען עיר מיטינג
איינמאָל אַ וואָך אפן ראָג.

ס'איז מאַטלס אַן אויפטו ביים ברענטש פון דעם אָרדן —
איין אָפּען עיר מיטינג אַ וואָך.
און ס'גרייט אַלעמאָל זיך אַ כאַוועד צו רעדן
וועגן דער נויט און דעם ביטערן יאָך.

און מאַטל ביים אָפּען עיר מיטינג איז טשערמאַן,
און ס'פעלן ניט מאַטלען קיין רייד:
ס'איז דאָך פאַראַנען אַזויפיל צו זאָגן
וועגן איטלעכן טאָג, וואָס פאַרגייט.

דער טאָג, וואָס פאַרגייט, און דער טאָג, וואָס דאַרף קומען
פאַר היימען מיט טרוקענעם ברויט —
הערט אויעלעם די רייד יעדע וואָך ביי דעם מיטינג,
הערט אויס און פאַרשטייט, און געטרויט — — — —

און ס'בלייבט אַלעמאָל נאָכן מיטינג אַ רעדל,
אַזוי ווי אַ רונדיקער ברונעם...
נעמט מאַטל אַדרעסן און זאָגט צו אַף זונטיק
אַף שמועס אין היימען צו קומען —

מאַטלס ווייב איז אין קאָנסול
געוואָרן אַקטיוו,
זי קומט צו אַלע מיטינגען
פּינקטלעך, ווי אַ בריוו...

אין דער פרי — ביים אָפּען עיר,
אין אָוונט — ליפלעטס טיילן.
מאַן און ווייב איצט האָבן ביידע
וואָס זיך צו דערציילן — — —

ביידע קומען פון די פליכטן
שפעט אין אָוונט מידע,
און אין פרישע אינדערפריען
שטייט מען אויף מיט לידער...

און דער זון דערציילט זיי,
אַז אין די אוניווערזיטעטן
זיינען שוין פאַראַן אַ סאַך,
וואָס גלויבן אין סאָוועטן — — — —

און צווישן די סטודענטן
זייער היציק שמועסט מען,
אַז עס פירן אַ גערעכטן
קאַמף די קאָמוניסטן.

און אַפילו פּראָפעסאָרן,
קינסטלער און פּאָעטן
שרייבן און דערציילן ווארעם
וועגן די סאָוועטן.

ס'איז בא מאַטלען אין שטוב,
ווי נאָך אַ ווייטיק, אַ הארבן —
ס'וועט שוין קיין צווייפל
די טעג ניט פאַרדאַרבן — — — —

די טעג אין דער היים איצט,
ווי פולסן נאָרמאַלע.
די טעג וועלן קיינמאָל שוין
מער זיך ניט כמאַרען —

— — — — — — — — — — — —

אין לאַנד פון מאַראַנצן

ס׳איז ניט קיין שטורעם,
וואָס ברעכט פון די ביימער
פארטרוקנטע צווייגן —
קרעפּטיקע קינדער
פאַלן פון הונגער
אין לאַנד פון מאַראַנצן און פייגן — — — —

ס׳איז ניט קיין מאַגייפע,
וואָס טראָגט אין די היימען
פריצייטיקע טויטן —
ס׳איז הערשנדער קלאַס,
וועלכער רויבט פון מיליאָנען
דעם שלאָף, דאָס מילך און די ברויטן — — — —

אף ציל־לאָזע וועגן —
נויט־קאַראַוואַנען
פון טעכטער און יונגען:
מע וועט עפּשער קאָנען
אין אַנדערע שטעט זיך פאַרדינגען — — — —

אף שטאָטישע גאַסן
הויבט אָן שוין דער הונגער
צו קעמפן און מאָנען
מיט פויסטן, פאַרפלאַנצט
מיט פלאַקאַטן און שטורמישע פאָנען — — — —

ס׳קריכט טיפער אין בראָנזוויל,
ווי אַ וואָרעם, דער קריזיס —
נאָר אַף די טירן פון די ארבעטער
הענגען נאָך מעזוזעס.

אין טויזנטער היימען
אַ ביטערער צווייפל
האלט הונגער־פאַמיליעס
מיט שטאָלענע רייפן.

ס׳האָט די פּרעסע, דער רעבע
מיט טפילעס און בענטשן
פארשאָטן די וועגן
צום סייכל פון מענטשן — — — —

— די מאַסע איז אַ קוואליקער
ברונעם פארשאָטן —
טייַנעט אין שאַפּ
צו די ארבעטער מאָטל.

— דארף מען אַ גראָב טאָן
אין קוואליקע טיפן,
וועט דאָס לעבן אַ גיי טאָן,
ווי שטאָלענע שיפן — — — —

— וואָס האָט דען דער ארבעטער
איצט צו פארלירן ? —
די טעג די פארשעמטע
ביי די „האָום רעליף" טירן ? — — — —

— מיר האָדעווען קינדער
אף ברויט מיט קאַרטאָפל
און אין פאַרפירער
מיר גלויבן און האָפן...

— וועלן מיר בלייבן
צעטיילט און צעריסן,
וועט פעלן אפילע
דער טרוקענער ביסן — — —

— מע וועט וואַרפן פון אַרבעט,
וואַרפן פון היימען —
ס׳וועט קיינער כוץ אייגענע
קינדער ניט וויינען — — —

— אייניקייט, ברידער,
פון רעכטע און לינקע —
וועט דאָס לעבן אין טיפערער נויט
ניט פאַרזינקען.

— מיר דאַרפן דערלאַנגען
צום אייגענעם סייכל —
וועלן די באָסעם
שוין צו ווייט ניט גרייכן — — —
— — — — — — — — — — — —

הונגער

אין מיטן דער נאַכט.
דער אָרום —
איז ווי אַן אַלטע גיסעריי
מיט אָפּגעקילטן בלײַ —
ס'איז פּוסט.
אַ גאַנצע גאַס
הערט זיך צו צו אַ הוסט...
שטיל,
ווי אַ מאַגנעט וואָלט צוגעצויגן
דעם רויש פון דער לופט...
הײַזער, ווי אָנגעשפּיצטע אויערן:
עמיצער רופט? — — — —

אין מיטן דער נאַכט.
דער הימל איז מיט שטערן באַשפּרינקלט.
„אונדזער" פאַן האָט דאָך אויך
אַ שטיק הימל מיט שטערן אין אַ ווינקל...
און ביידע האָבן קינסטלער באַזונגען —
נ אָ ר
אױף אַ שטיינערנער שוועל שלאָפט אַ אינגל
און פאַרקילט זיך די לונגען — — — —

לעבן די הײַזער —
הויפנס מיט מיסט.
אַ מענטש און אַ קאַץ
האָבן דעם אָפּפאַל דערווישט.

א מענטש און א קאַץ
אין דעם אַפּפּאַל און קויט,
און איבער די גאַסן
שוין שמעקט פרישער ברויט...

א מענטש און א קאַץ
אין דעם אַפּפּאַל־גניעג —
א וואָגן מיט מילך
איז אַדורך און אוועק...

לעבן איין טיר נאָר
א פלעשל מיט מילך —
דערהערט זיך אַזאַ מין
ניט היימלעכער הילך...

א מענטש און א קאַץ
פון ביידע — ווער וועט
דעם קויט און דעם אַפּפּאַל
עסן צוזעט?...

נאכט און א הימל,
לעוואָנע און שטערן,
און הייזער — עס דאכט זיך,
אָנגעשטרענגט הערן...

הייזער, וואו ס'פעלט אוים
צום אָטעמען לופט,
אָנגעשטרענגט הערן:
עמיצער רופט? — —

— — — — — — — — — — —

מאָטל אַליין

מאָטל אַליין איצט
אין מיטן דערנאַכט
מיט אַ האַרץ, ווי מיט אַ ביקס
אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך...

אַ מיטינג אַ הייסער
ביז פריען פאַרטאָג —
באַשלאָסן די אַרבעט
צו געבן אַ יאָג.

עס גייט נאָך די אַרבעט
מיט קריכערשן טעמפּ,
דערווייל ווערט די אומרו
פון הונגער פאַרטעמפּט:

פון באָס, פּאָליטישן,
פון גאַלעך און ראָוו:
צו וואַרטן אויף הילף,
ווי געדולדיקע שאָף.

שטייט מען געבויגן
נאָך ברויט און נאָך רענט,
און ס'רינט אויס דער קויעך
פון קרעפטיקע הענט — — —

אַ מיטינג אַ הייסער
געווען היינט ביים ברענטש —
פאַרן אַרבעטלאָזן קאָנסל
איז מאָטל — דער מענטש — — — —

שניי און ברויט מיט טיי

ס'האָט באַדעקט די גאַסן
אַ ווייכער, טיפער שניי —
וועלן טאַטעס קריגן ארבעט...
און די קינדער —
פרישן ברויט מיט זיסן טיי — — — —

ס'האַלט דער שניי אין פאַלן,
דער הימל הענגט אראָפּ.
וועלן טאַטעס קריגן ארבעט.
און פון אויוון
וועט אַ שמעק טאָן ווידער פונעם טאָפּ — — — —

פאַל העכער, שניי, פאַל העכער,
העכער פון די דעכער:
פון דעם שניי דעם ווייסן
וועט מען פאַר די קינדער
וואַסער מיט אַ ביסל מילך פארווייסן — — — —

פאַל העכער, שניי, פאַל העכער,
העכער פון די דעכער.
פאַל אַ פּאָר מעסלעסן,
וועט מען פאַר די קינדער
קאָכן פרישן עסן — — — —
— — — — — — — — — — — —

נאָר צוזאַמען
מיט שניי
פארגייט די פרייד
פון זיסן טיי — — — —

פארגייט די פרייד
פון פרישן זופּ —
און דער הונגער פארשפּינט
דעם געלעכטער אין שטוב — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

„האָום רעליף“ ביוראָ

נאָר ס'איז שוין אין כוישעבע היימען
דערגאַנגען דאָס ליכטיקע וואָרט:
— בעטל ניט, פאָדער און מאָן!
גייט מען אין דער „האָום רעליף“ ביוראָ,
און מאָטל דער שניידער פירט אָן.

די מאַסע מאַרשירט אַזוי מוטיק
מיט שטרענגע פּלאַקאַטן אין דער לופט,
ווי קוילן צעגליט אין די הענט —
און ס'רעדט פון צוויי אַקסלען שוין מאָטל
לעבן דער רעליף־ביוראָס פּאָליציייאישע ווענט — — — —

— מ'האָט אונדז געוואָרפן פון אַרבעט,
ווי נוצלאָזן ברוך אַפן מיסט,
אַף הֶעפקער אין פּיין און אין נויט!
ס'איז שולדיק דער הערשער, פאַר וועלכן
מיר האָבן געשאַפן, געבויט!

מיר וועלן מיט ווייבער און קינדער
ניט וואַרטן אַף טויוועס פון באָס,
ביז דער הונגער עסט אויף דאָס געזונט!
מיר וועלן ניט גראַבלען אין טירן,
ווי אַ פאַרהונגערטער הונט! — — — —

— מיר פאָדערן: ברויט און געלעגערם
פאַר דער הונגער־אַרמיי פון דעם לאַנד!
אויב מילך איז פאַראַן פאַר די פיש —
פאַרוואָס זאָלן אַרבעטער קינדער
איינגיין ביים ליידיקן טיש?! — — —

פון ווייטנס דער גרינער פּאטרול וואָגן קלינגט,
ס'טראָגן פּאָליסלייט אַף פערד זיך געשווינט.

נאָר מאָטל צו דער מאַסע מיט מונטערן רוף,
און די מאַסע ארום — איין געפּלאָכטענער גוף — — — —

די פּאָלים אַף דער מאַסע מיט „קלאָבס" און מיט פערד —
נאָר ס'האָט זיך די מאַסע פארטיידיקט, געווערט —

מיט נאַקעטע הענט אַף באַוואָפּענטער פויסט!
די פּאָלים פון דער מאַסע רייסט מאָטלען ארויס.

ווערט ביטערער קאַמף, און געוואַגטער — געשלעג:
א זעץ מיט א „קלאָב" לייגט א כאַווער אוועק.

ס'איז אין מיטן פון שטאָט, ניט פארוואָרפענער וואלד —
א פערד אַף א פרוי, און — א ווילדער געוואַלט! — — — —

אזא די רעגירונג, אזוי דאָס געזעץ
פאר די, וועלכע ווילן ניט לעבן, ווי קעץ — — — —

און ס'פליט שוין צוריק דער פּאטרול־וואָגן שנעל,
ווי א באַוועגלעכער, שווארצער טונעל...

דער געגראַטעטער וואָגן איז מיט מאָטלען אוועק —
אפן שטיין טרינקט די זון אויס א בלוטיקן פלעק — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

דער זון

א מענטשלעכע ראָד
מיט פּאַריסענע קעפּ
צום רעדנער, דעם יונגן
אויף די הילצערנע טרעפּ —

אומרו אין די אויגן,
א ציטער אין קאָל —
מאָטלס זון רעדט היינט
דאָס ערשטע מאָל:

— מ׳האָט מאָטלען, מיין טאַטן
היינט אַרעסטירט,
ווייל ער האָט די אַרבעטלאָזע
צו דער רעליף ביוראָ געפירט.

— ס׳האָט בלוט זיך געגאָסן
אויפן ברודיקן שטיין —
דאָס איז דער ענטפער
אויפן הונגער־געשריי!

— מ׳האָט מיר געלערנט
פון „גלייכהייט און פרייהייט“,
צו זיין דער רעגירונג
א בירגער געטרייער —

— נאָר דאָס איז א ליגן,
א פאַלשער און גלאַטער:
איך זע, אז געררעכט איז
מיין ערלעכער טאַטע.

— פרייהייט און גלייכהייט
פאַר פאָרדן און מאָרגאַן,
נאָר ניט פאַר די, וועלכע
ס'האָט דער הונגער דערוואָרגן.

— ווער איז מיין טאַטע ?
ווי איר אַזאַ איינער,
פאַרקויפט פאַר אַ לעבן
דעם מאַרך פון די ביינער — — — —

געווען אַלע יאָרן
פון באָסעם געטריבן
און איצט ווי מיליאָנען
אָן אַרבעט געבליבן.

מ'האָט אין די סקולס מיר
אַ ליגן געלערנט,
כ'וועל פון היינט אָונט
אָן אַנדערער ווערן !

צוזאַמען מיט אייך,
ווי מיין טאַטע, דער שניידער —
אַנטקעגן דעם הונגער
און ביטערע ליידן !

דערנאָך האָט אַ באַוועג פון קאָנסול גערעדט,
דעם שרעקלעכן הונגער געשילדערט.
דער אוילעם ארום — אַ סטאַטוע פון קעפ...
ס'האָבן נאָר אָטעמס געפילדערט.

און ס'פאַלן די ווערטער אפן אומעט פון הארץ,
ווי טאָג־ליכט אף פריען באַגינען :
— וועלן די אַרבעטער זיין איניק און שטאַרק,
וועט מען די קאַמפן געווינען !

ס'האָט דער מיטינג זיך געענדיקט זייער שפּעט,
און דער אוילעם איז געגאַנגען אומרואיק אין בעט — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

טורמע

ס'איז גרינגער איצט מאַטלען
דאָס זיצן אין טורמע:
ער ווייסט, אז דער זון האָט
זיין קאמף־פּלאַץ פארנומען.

דער זון איז געקומען
באַזוכן דעם טאַטן —
ס'צעטיילט זיי איצט גאָרנישט
כויץ טורמישע גראַטעס — — — —

ביז האַרציקע טרערן
נאָגט מאָטלען א פרייד...
דער איינציקער זון
זיין לעבן פאַרשטייט —

דורך אייזערנע גראַטעס
געדריקט זיך די הענט —
ס'האָט מאָטל א זון איצט
א נייעם דערקענט — — —

איז גרינגער איצט מאָטלען
די טורמישע וועלט:
דער קאמף האָט דעם זון
אין זיין פוס־טריט געשטעלט — — — —
— — — — — — — — — — —

אוועק זיינען טעג,
און אוועק זיינען וואָכן —
דאָס טורמישע לעבן
איז זומפּיק געקראָכן — — — —

די נעכט זיינען שטיל,
ווי באַנאַכט אין אַ קלויסטער...
און די טריט פון די וועכטער
אַף דער שטילקייט — ווי פויסטן — — — —

און ס'ציילט שוין איצט מאָטל
די נעכט און די טעג,
ווי איינער, וואָס איז
פון דער ליבסטער אוועק — — — —

געבליבן אַ וואָך מיט
אַ טאָג און אַ נאַכט,
און מאָטל פון ווייטערער
אַרבעט שוין טראַכט — — — —
— — — — — — — — — — —

ס'האָט זיך דער אייזערנער טויער געעפנט
און מאָטלען פאַרבליניעט מיט זון און מיט לופט.
ס'איז מאָטל געשטאַנען באַרוישט און געאָטעמט
און פלוצלונג אוועק, ווי אַף קרעפּטיקן רוף — — — —

פ ר י י !

פון אַנטקעגן, פון דעם ראָג
גיט זיך ווייב און זון אַ יאָג —

מאָטל האָט זיי גלייך דערקענט —
האַלדז אויף האַלדז און הענט אין הענט — — — —

היים און היימישע מיט דיר —
וועכטער גרילצט ניט בא דער טיר — — — —

ניט געפאַנגען צווישן ווענט —
הערצער צאַפּלען זיך אין הענט — — — —

האַנט אין האַנט, און בליק אין בליק
— — — הערצער־בריק —

אַנשטאָט קעלט און טורמע־גרויל —
וואַרעמסט וואָרט פון יעדן מויל —

— טאַטע! מאָטל! אַ פייל דאָס וואָרט:
אויגן האָבן רייד פאַרשפּאַרט...

טראָגט זיי אַלע דריי — איין פרייד,
איין אָטעם־צי, איין האַרץ־באַן גייט — — — —

טורמע־גרוסן

דער זון אים פון לינקס, די ווייב אים פון רעכטס,
ס׳איז גוט אזוי מאַטלען אין מיטן.
די ברוסט זיך באַפרייט פון פאַרבליבענעם קרעכץ:
פונעם לעבן געוועזן אָפּגעשניטן—

וואַרטן מיט נייגיר דער זון און די ווייב
אף די רייד פון דעם מאַן און דעם טאַטן.
— גוט, מיינע ליבע צו ווערן באַפרייט,
נאָר אַ שאָד, וואָס דאָרט זיצן נאָך יאַטן —

— גוט, מיינע ליבע, צו ווערן באפרייט
און אף אָפענע גאַסן שפּאַצירן...
נאָר ס׳פרעסט אפן האַרץ, וואָס אף אונדזערע לייט
פאַרמאַכן זיך טורמישע טירן — — —

— ווייסט איר מיט וועמען ס׳איז איבערגעפילט
יעדע איינציקע טורמישע קאַמער?
מיט טאַטעס, וואָס האָבן די לעבנס פאַרשפּילט,
און מיט קינדער פון פינצטערע מאַמעס — — —

— גיט זיי נאָר אַרבעט אף לעבן און פרייד
און דעם מענטשן אין זיי גיט באַליידיקט —
וועט מען ניט דאַרפן פאַר מענטשן קיין קייט,
און די טורמעס וועלן שטיין אויסגעליידיקט — — —

— כ׳האָב מיט זיי אַלע זיך דאָרטן באַפריינדט
און דערקלערט זיי, וואָס איך האָב פאַרשטאַנען,
האָבן פאַרלאָשענע אויגן געשיינט,
ווי אַ קינד, אַ פאַרבלאָנדזעטס אף מאַמען...

— און היינט, ווען מע האָט מיך פון קאַמער געפירט,
איז מיר אַלעמענס בליק נאָכגעגאַנגען —
כ'האָב אַף די באַקן זייער אָטעם געשפּירט,
אין האַרץ מיינעם — יעדנס פאַרלאַנגען — — —

— האָט מען זיי טאַטע, ווי דיך אַרעסטירט
פאַר פאָדערן הילף פאַר די מאַסן ?
האָבן זיי אַלע ווי דו אָנגעפירט
מיט הונגער־פאַראַדן אין גאַסן ?

ס'האָט מאָטל אַ ביטערן שמייכל געטאָן :
— אַ וואָוילער ביסטו, נאָר אַ רויער.
פאַר אָט־אָ די מענטשן, וואָס איך האָב דערמאָנט,
איז פאַרשלאָסן געווען טיר און טויער.

— זיי האָבן געוואָלט אָט ווי איך, אָט ווי מיר
פון אַלץ אינעם לעבן געניסן :
נאָר ס'ווערט אונדזער ערלעכע אַרבעט צערויבט
און באַוואַכט אונטער ביקסן און שליסלען —

האָט אַ טאַטע געוואָלט זיין פאַרצערטן געזינד
מיט אַ קרעפּטיקן מאָלצייט דערקוויקן.
און געגאַנגען אַ הון פאַר זיין ווייב מיטן קינד —
הייסט געזעץ, אים אין טורמע פאַרשיקן !

אָדער אַ מאַמע די נויט האָט געוואָלט
פון שטוב אַף אַ טאָג כאָטש פאַריאָגן —
זי האָט פאַר אַ פישל קיין געלט ניט באַצאָלט,
און ס'העלפט ניט איר וויינען און קלאָגן —

און יונגען — נאָך קינדער — מיט פרישן געזונט,
ווי באַפרייטע עלעקטרישע שטראָמען —
דערווידער איז יונגען צו היניען, ווי הינט,
ווען ס'ברעכן פון זעט זיך די קראָמען —

נייט אזא יוגנט אָרום אינעם לאַנד —
אויצרעס מיט זאַפטיקע קויכעס —
זי וויל ניט, ווי בעטלער, פאַרשעמען די האַנט
און ווערט דורכן הונגער געשטרויכלט.

די יונגען, וואָס פוילן אין טורמישן קויט,
געלעבט וואָלטן ערלעך און זויבער,
נאָר ס'האָט זיי די אָרדנונג פון אויצרעס און נויט
פאַרוואַנדלט אין גאַנאָווים און רויבער.

און רעדסטו צו זיי פונעם ווארעמען האַרצן,
צעפינקלען זיך ערלעכע אויגן...
נאָר גראָב און ברוטאַל איז דער טורמישער קאַרצער,
ווי וועלף דאָרטן ווערט מען „דערצויגן" — — —

באַטאָג אונטערן אויג פון באַזויפענער וואַך,
באַנאַכט אינעם גריזשען פון ראַצן —
און ס'היט דיך דער טויט פון באַוואָפנטן דאַך,
טאָמער גערולד דיינס וועט פּלאַצן — — —

טאַטע, מאַן און כאַוועד

ס'איז פרילינג. דער הימל פון וואָלקנס זיך שיילט,
און ס'איז אַזאַ ליכט אין די אויגן —
נאָר ס'קומט מאָטלס קאָל פון אַ פינצטערער הייל,
וואָס איז שטענדיק מיט אומגליק פאַרצויגן — — —

ס'האָט מאָטל געכאַפּט זיך און אַ שמייכל געטאָן:
— ווייב מיינע! — זון מיינער, ליבער
עך, קלייבט זיך קאַעס און האָפנונג אָן
אין די פיינטלעכע, טורמישע גריבער! —

— טאָ גיט זשע אַ שמייכל, מיין לייע און יוים,
און לאָזט פון זיך אויך עפּעס הערן.
בייזע געדאַנקען פון קאָפּ, זון, פאַרשטויס!
און, ווייב, הער אויף קנייטשן דעם שטערן —

ער האָט וואַרעם גענומען זיי אונטער די הענט,
אַזש לייע איר קאָפּ לאָזט אַרונטער...
דער זון האָט דעם טאַטן שוין ווידער דערקענט,
און ס'גייט זיך שוין פריילעך און מונטער.

עס קומען די גאַסן אַלץ נעענטער אָן,
און נעמען באַקאַנטע באַגריסן —
און מאָטל אין דער קעשענע זוכן הויבט אָן
דער לאַנג שוין פאַרגעסענעם שליסל — — —

געעפנט די טיר און געטראָפן זיך גלייך
מיט לענינס און מאַרקס שאַרפע אויגן:
דאָס האָבן זיי ביידע פאַר אים אַ סורפּריז
די בילדער מיט רויטן באַצויגן.

ס'איז מאָטל דערפֿרייט
מיט זיין הארציקער היים.
ער קושט אָן זיין זון
און קושט אוים זיין לייען — — — —

נאָך טורמישן גרוי
און מענטשלעכן זשאָווער —
ווידער א טאטע,
א מאַן און א כאַוער —

נאָך באַליידיקטע טעג
פֿון בעסטיאַלישער וואָך —
א וואַרעמער שמייכל,
א הארציקער לאַך.

נאָך קאַעם צעביסענעם
צווישן די ציין —
מיט דער ווייב, מיטן זון
אין דער כאַווערשער היים.

נאָך דערוואָרגענע נעכט
צווישן שטעכיקע ווענט —
וואַרעמע אויגן
און הארציקע הענט.

נאָך וואָכן פֿון היטן
דיין קער און דיין ריר —
ווידער אָן אָפּענע,
פֿריינטלעכע טיר.

פֿאַר פֿרייד טיף אין הארצן
דאָס וואָרט איז צו שטום —
כאַפּט מאָטל מיט ליבסטע
זיך ווידער ארום — — — —

צוזאַמען

שפּעט אין דער נאַכט. עס שלאָפט שוין די שטוב.
מע הערט נאָר דאָס טיקן פון זייגער.
נאָר ס'דאַכט זיך אוים לייען, מאָטל זיך וועקט:
ניט געוואוינט צום געטרייען געלעגער — — —

כאַפּט זי אַראָפּ זיך אַף שפּיצפינגער טריט,
אים מאַכן באַקוועמער צוקאָפּנס.
זי הערט איר צעלאָפּענעם האַרץ־קלאַפּ און פילט
אַף די פינגער די קילקייט, ווי טראָפּנס...

מאָטל האָט פלוצלונג אַ דריי זיך געטאָן,
צעעפנט די פאַרשלאָפענע אויגן,
אויסגעשטרעקט לייען אַ וואַרעמע האַנט
און האַרציק צו זיך זי געצויגן — — —

ס'האָט לייע דערפילט אינעם שווינדל פון קאָפּ:
איר האַרץ־קלאַפּ אין ערגעץ פאַרגייט זיך,
און מאָטל אין אירע נאַכגיביקע הענט
וויקלט איין זיינע קרעפטיקע פּלייצעס — — —

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט. און דער שטומער אַרום
אין זיך ווערט אַלץ טיפער פאַרשוואונדן
און הערט, ווי פאַרגאַנגענע האַרץ אין אַ האַרץ
יאָגן איצט איבער סעקונדן — — —
— — — — — — — — — — — — — —

פרימאָרגן און כאַוויירים

פרילינג פרימאָרגן, דורך אָפענע פענצטער
שטראָמט די זון פון דער פריש בלויער הויך.
מאָטל ציט אויס די פאַרשלאָפענע גלידער
און פרייט זיך מיט אייגענעם קויעך.

די הענט אויסגעצויגן, אין פויסטן פאַרשטייפט זיי
און באַלד זיך פון איינפאַל צעלאַכט.
דער זון שיקט אַריין דורך דער טיר אַ גוט מאָרגן
און פרעגט אפן קאָל, וואָס ער מאַכט.

— גוט מאָרגן דיר, לייע! רופט מאָטל פון שוועל שוין.
— גוט יאָר! און די אויגן — אַראָפּ...
וואָלט זייער זון איצט דערביי ניט געשטאַנען,
וואָלט אויסגעקושט מאָטל איר קאָפּ — — —

— נו, מאָטל און זון, מאַכט אַ ביסעלע שנעלער,
ס׳דאַרף אַ קאָמיטע דאָ זיין:
אַ כאַוועך פון ברענטש און אַ כאַוועך פון קאָנסל
קומען אהער באַלד אַריין.

— אַ כאַוועך פון ברענטש און אַ כאַוועך פון קאָנסל —
טאָ וואָס האָסטו, לייע, געשוויגן?
אַ כאַרפּע, אַף מיין וואָרט, אַזוי שפּעט צו שלאָפן,
אין בעט ביז נאָך האַלבן טאָג ליגן.

— נו, יויס, לאָמיר זען, ווער עס וועט פון אונדז ביידע
זיך זעצן צום עסן דער ערשטער.
ס׳וועט נעמען מיר לענגער, ווייל כ׳האָב שוין פאַרגעסן,
ווי צו וואַשן די ציין מיט אַ בערשטל.

ליִיע דאָס עסן צום טיש שוין דערלאַנגט,
און דער זון מיטן טאַטן זיך יאָגן.
אַ ווײַלע — און בײדע שוין שטײען בײם טיש,
ווי פֿערדלעך, געוואוינטע צום וואָגן...

פֿאַרענדיקט דאָס עסן, דעם טיש אָפּגערײניקט,
ערשט איצט האָט זיך מאָטל צעזונגען,
נאָר ס'האָט אין אַ ווײַלע אַרום זיך דאָס גלעקל
איבערן צימער צעקלונגען.

— האַלאָ, ליבער כאַווער! האַלאָ, כאַווער מאָטל!
און הענט האָרעפּאַשנע זיך שליסן.
— אין נאָמען פֿון ברענטש און אין נאָמען פֿון קאָנסול,
געקומען אײַך האַרציק באַגריסן.

— אַ דאַנק אײַך, כאַווײרים, אַ האַרציקן דאַנק אײַך,
אין דער טורמע שוין באַלד ווי פֿאַרגעסן.
נו, זעצט זיך, כאַווײרים, און פֿילט זיך דאָ הײמיש,
און, לײַע, דערלאַנג עפּעס עסן!

— הער נאָר אַן אײַנפֿאַל: גאָר זעצן זיך עסן —
גיט דער כאַווער פֿון אָרדן אַ מורמל.
— מיר זײַנען געקומען זיך פֿרײען, באַגריסן:
ס'איז אַ כאַווער אַרויס פֿון דער טורמע!

— נו, גוט, כ'האָב געמײנט, אַז... צעשמײכלט זיך מאָטל,
— כ'קען דאָך שוין אונדזערע מענטשן...
מע קאָן דאָך פֿאַרגעסן אַמאָל אײנעם עסן,
אויב מ'האָט פֿאַרגעסן דאָס בענטשן...

— עסן, ניטעסן — זאָגט דער כאַווער פון קאָנסל,
— דערלאַנגט שוין אַ הייסע גלאָז קאַווע!
און זעץ זיך אַנידער, דערציייל אונדז אַ ביסל
פון טורמישע טעג, מאָטל כאַווער.

— דערזעלביקער מאָטל, ווי איך בין אַ כאַווער —
קוקט דער כאַווער פון אָרדן אַף מאָטלען,
— נאָר צייט וואָלט געווען שוין אַהין צו פאַרזעצן
די, וואָס זיצן אַף אונדז, ווי אין זאָטלען — — — —

— מ'עט זעצן, מ'עט זעצן, דו מעגסט שוין זיין זיכער,
נאָר דו ביסט דאָך מיט עפּעס געקומען?

—טאַקע יאָ, גאָר פאַרגעסן. טאָ, מאָטל, זיי ווייסן,
ביסט היינטיקן שאַבעס פאַרנומען!

— וואָס מיינט עס פאַרנומען? פאַרוואונדערט זיך מאָטל.

— אָט דאָס, וואָס דו הערסט, ליבער כאַווער:
צו מאָטלס באַפרייאונג האָט דער ברענטש מיטן קאָנסל
אַ יאָנטעוו באַשלאָסן צו פּראַווען!

— נו, לאָזט אָפּ, כאַוויירים, וואָס מאַכט איר זיך נאַריש,
וואָס עפּעס יאָנטעוו? באַנקעטן?
מיר וועלן זיך פּרייען און פּראַווען יאָנטויווים,
ווען מיר וועלן דאָ האָבן סאָוועטן.

— טאָ הער זשע אויס, מאָטל, און שטעל זיך ניט קעגן,
דאַרפסט דעם יאָנטעוו גאָר אַנדערש פאַרשטיין:
מיר פרייען זיך, ווען נאָך מאָנאַטן אין טורמע
קומט אַ כאַווער צוריק אין די רייען.

— ביסט באַליבט אין דער געגנט, עס קענען דיך אַלע,
געדענקען דיין קאַמף פאַר רעליף.
ס'איז דיין באַפרייאונג דער יאָנטעוו פון ברענטש
און פון קאָנסל, וואו דו ביסט אַקטיוו.

אזוי, צי ס'איז אנדערש, נאָר מאָטל דערפילט זיך,
אזוי ווי אַ אינגל פאַרלאָרן:
— וואָס שווייגסטו, מיין ווייבל? אַ פיינע געשיכטע?
דיין מאָטל איז אַ כאָסן געוואָרן.

— טאָ לאָז עס שוין אָפּ און דערציייל טאַקע בעסער,
ווי אין טורמע דו האָסט זיך געמאַטערט.
עס איז ניט קיין שפּילכל, דו האָסט הינטער גראַטעס
אַ שיין ביסל קויעך געפּאַטערט.

— איך בין דען איינער — פאַרענטפערט זיך מאָטל,
— ס'איז די טורמע געפּאַקט ביז דערשטיקן.
טויזנטער ווערן דאָרט טעגלעך פאַרדאָרבן
פון אמעריקעס גאָלדענע גליקן.

מיט טאַטעס און קינדער פון אָרעמען לעבן
איז די טורמע געפּאַקט ביז די ברעגן:
פון אָרעמע הייזער צו טורמישע טירן
פירן אמעריקעס וועגן.

פילסט טעגלעך די וועכטערס באַליידיקונגען,
ווי יעדינע אָף אָפענע וואונדן...
און עס ווערט יעדע מענטשלעכע ווירדע און רעכט
בעסטיאַליש דערשטיקט און געבונדן.

מע טרעט אפן האַרץ, אַז עס טרייבט שוין די שאַנד
אין פיל טורמעס צום בונט פון פאַרצווייפלונג:
עס רייסט זיך אַרויס דער דערוואָרגענער האַס,
כאָטש פון ווינקלען צילט ביקס אין די שלייפן — — — —

איר ווייסט, וואָס אַן אויפשטאַנד אין טורמע באַדייט
צווישן שטעך־ווענט און ביקסן־מאַשינען?
זעלטן, ווען איינער קאָן ווערן באַפרייט —
דעם טויט קאָנען אַלע געפינען!

עפנט בלויז אויף אַ שפּאַרונע אין די ווענט,
וועט פאַרפלייצט ווערן דאָס לאַנד מיט נעקאָמע:
ס'וועט איטלעכער צאָלן פאַר הילפלאָזע טעג
און פאַר זיין געשענדעטן נאָמען — — —

און קומסטו צו די, וועמען לעבן דערוואַרגט
ווי מיט נעגל, אין טורמישער קאַמער,
מיט ווערטער פון ליכטיקן אויסוועג און קאַמף,
הערט מען אויס דיך נאָך מער, ווי אַ מאַמען — — —

ס'האָט זיך מאָטל פאַרטראַכט אין דער מיט פון די רייד,
זיינע אויגן זיך האָבן פאַרטראָגן —
אין צימער האָט, דאַכט זיך, איצט איטלעכנס האַרץ
העכער פון זייגער געשלאָגן — — —

— באַוויירים, גערעכט איז געווען קאַרל מאַרקס!
לאָמיר קאַמף ביז די זיגן דערפירן.
מיר נעמען אַריין אַזאַ וועלט אין די הענט,
און די קייטן, די נויט מיר פאַרלירן!

מאַטל רעדט שוין אפן ראָג

אוועק א נאכט,
אוועק א טאָג,
און מאַטל רעדט שוין
אפן ראָג.

פון זייט א וואָרט
צו אים דערגייט:
— פון טורמע איצט
און ווידער — גרייט!

דער אוילעם מאַטלען
קרייזט ארום,
און וואַרט, מע פילט,
אף מאַטלס: קומט! — — — —

און מאַטל רעדט,
פון נויט דערציילט,
פון געל געזיכט
דעם אומעט שיילט...

און יעדן איינעם
פון דעם קנויל
דאַכט זיך: ס'רעדט
דאָס אייגן מויל — — —

זאָגט א פרוי
ווי פון א גרוב:
— ער ווייסט וואָס ס'איז
בא מיר אין שטוב — — —

— אליין אין נויט,
איז ווייסט ער וואויל,
ווער עס רייסט
דאָס ברויט פון מויל —

— ער דאַרף ניט טרעפֿן
דאָ קיין קונץ
ווי ביי אים,
אזוי ביי אונדז —

ביי יעדן בינדט זיך
אויף די צונג,
דעם אָטעם גיט מען
טיף א שלונג — — — —

און מאָטלם לייע
אפֿן וואונק
פֿאַרקויפֿט בראָשורקעס,
ווי א טרונק — — — —

— לייענט וועגן
זיך אליין,
אייגן לעבן
צו פֿאַרשטיין —

— נעמט עס, כאַוועער,
פֿאַר א פֿעני,
וועגן אונדז
עס שרייבט דאָ לענין —

ביי דעם מיטינג —
מאָטלם רייד.
לייע זיי
אף היים פֿאַרגרייט —

און מאָטל, און לייע,
און די גאַנצע קאָמיטע
נייען צופֿרידן
אַהיים פֿונעם מיטינג.

מען פרייט זיך מיט מאָטלען

דער קלוב איז באַלויכטן, מיט בענדער באַהאַנגען,
אַף די ווענט — ליבע פירער אין ראַמען.
אויבנאָן, אין פּרעזידיום זיצט מאָטל דער שניידער,
פון די זייטן — דער זון מיט דער מאַמען.

עס שפּאַרט זיך דער אוילעם דורך אָפענע טירן,
ווי דורך אַן אָפענער דאַמבע — די שטראָמען.
עס שפּרינגט, ווי אַ פויגל פון צווייגל אַף צווייגל,
פון ליפּן אַראָפּ מאָטלס נאָמען...

דער פּאָרזיצער פייערלעך עפנט דעם אָוונט
און בעט די פאַרזאַמעלטע שווייגן —
אַ שורשען גייט דורך איבער אַלעמענס ליפּן,
ווי שאָרך פון דעם ווינט דורך די צווייגן.

— כאַוויירים, מיר האָבן זיך היינט דאָ פאַרזאַמלט,
אַ האַרציקן כאַווער צו גריסן.
כאַווער מאָטל דער שניידער איז צוריק אין די רייען
נאָך מאָנאַטן אין דער פינצטערער טפיסע.

ס'וועט ניט צעברעכן דעם מוט האַרעפּאַשנעם
דער טעראָר פונעם פינצטערן קאַרצער!
אין נאָמען פון ברענטש און אין נאָמען פון קאָנסל
דריק איך אויס טיפע פרייד פון מיין האַרצן.

זינט ס'האָט כאַווער מאָטל דער שניידער באַזעצט זיך
אין אונדזער פּאַראָרעמטער געגנט,
האָבן מיר שטענדיק אין פאָדערשטע רייען
פון קאַמף אים אַ דרייסטן באַגעגנט!

פרייען מיר אַלע זיך היינט אַף דער נאַכט
מיט מאָטל דעם שניידערס באַפרייאונג!
דער אוילעם האָט איבערגעריסן די רייד
מיט הילכיקע הענט־פּאַטשערייען.

— פרייהייט געזאַנג פאַריין אַף דער פּראָגראַם!
שטילט זיך איין יעדע האַנט, ווי אַן אויער...
דאָס פלאַמיקע ליד פונעם שטורעם זיך גיסט
דורך די פענצטער אַף גאַסן, אַף גרויע —

דערנאָך האָט א קינד פון דער אַרבעטער שול
געפרייט זיך, וואָס מאָטל איז פריי,
און האָט דעקלאַמירט אַף א הילכיקן קאָל
פון גרינשפּאַנעס ס'ליד: „סיי ווי סיי!“

— און איצט וועט אין נאָמען פון דער יונגער קאָמליג
איירין באַוועער מאָטלען באַגריסן.
מאָטלס זון האָט זיך האַסטיק געגעבן א קער
און זיין קאָפּ צו דער בינע פאַרריסן.

אײרין

אײרין איז אַ שלאַנקע אַרויף אויבנאָן,
די האָר פֿונעם שטערן צעטרײסלט —
אַזוי, דאַכט זיך, פּלאַטערט דער קאָפּ פֿון אַ צװײַג
אינעם שטורעם אין אַ זומער־טאָג הײסן — — — —

ס'איז, דאַכט זיך, די בינע געװאָרן אַ שיף,
און אײרין איז דער פּאַניקער מאַסטבױם...
און ס'טראָגט זיך די שיף אױפֿן שטורמישן ים,
און דו הערסט דעם געברױז פֿונעם ים־שױם...

(אײרין איז באַװאָוסט אין דער געגנט אַרום
און באַליבט ביי דעם קאָנסול און אָרדן:
זי האָט שױן ניט אײנמאָל אין היץ פֿונעם קאַמף
דערלאַנגט אַ פּאָליסמאַן אין מאָרדע)

זי נעמט מיט די אױגן דעם אױלעם אַרום
און צילט מיטן קאָפּ, דעם געלאָקטן —
ס'איז שװער פֿאַר די אױגן באַשליסן אױף קלאָר,
װאָסער גליד פֿון אײרין איז געטאָקטער — — — —

די האָר — גליאַיק שװאַרצע, דער האַלדז — טונקעל ברױן,
און אױגן — כינעזיש געפֿורעמט,
דורך שנײ־װײסע צײן האָט איר הילכיקע שטים
װי קנאַלן פֿון פֿײַער געשטורעמט:

— ס'איז די פֿרײד און די זכיה פֿון אַרבעטער־קלאַס
כאַװײרים, װי מאָטל צו האָבן!
שטעלט קעמפֿער אַזעלכע אױף איטלעכן פֿראָנט,
און מיר װעלן די סאָנים באַגראָבן!

— מאַטל איז אַקציע! מאַטל איז מוט!
ניט קריכיק און ניט איבעראײַליק!
און, ס'דאַכט זיך מיר אויס, יעדער אַקסל ביי אים
איז, ווי קיזל־שטיין, רונדיק און ביילעק — — —

— כ'האָבּ אים געזען אפן „האָום רעליף" מאַרש,
ווען די פּאָלים האָט געמאַכט די אַטאַקע.
ס'האָט מאַטל גערופן ניט אָפּשטיין פון קאַמף,
כאָטש א „קאָפּ" האָט געריסן זיין נאַקן!

דאַכט זיך אויס מאַטלס זון, אַז עס פליען אין אים
די ווערטער אייזערנע, ווי די פיילן —
ער שלינגט אירע רייד, ווי א לאָקאָמאָטיוו
אפן אָפענעם וועג שלינגט די מײַלן — — —

— מע זאָגט מיר, עס זיצט לעבן מאַטלען זיין זון,
און מיר דאַרפן די יונגט דאָך גרייטן —
פאַרוואָס זאָל דער זון ניט אפן קעמפערשן וועג
זיין מוטיקן טאַטן באַגלייטן? ! — — —

א דרייסטער אַרויסרוף! און מאַטלס זון שלינגט
אַזא הייץ פון די אָפענע ליפּן
און ער פילט, ווי א גאַנעניש איז מיטאַמאָל
זיך צעגאַנגען צווישן די ריפּן — — —

— מאַרקס האָט געזאָגט, די בורזשואַזיע שאַפט
אַליין פאַר זיך אירע באַגרעבער.
איך ווינטש כאָוער מאַטלען, ער זאָל יענעם טאָג
פון דער גרויסער לעווייע דערלעבן!

זי איז פון דער בינע אראפּ מיט אַ שפּרונג,
פאַרן זון האָט אַ בליץ דורכגעפלאַקערט — — —
די באַגייסטערטע מאַסע האָט די שטילקייט אין קלוב
מיט אַ שטורמישן בראַוואָ צעאַקערט — — —

מאָטלס זון לויפט איר נאָך מיט זיין דורשטיקן בליק
אויף איר טראַציקן קאָפּ, דעם געקרויזטן — — —
און —
ס'האָט אין די צוויי צענדליק אינגלשע יאָר
אזא האַסטיקע אומרו צעברויזט זיך — — —

מאָטל האָט דאָס וואָרט

— איצט קריגט כּאַווער מאָטל דער שניידער דאָס וואָרט,
און דער פּאָרזיצער וויל נאָך וואָס זאָגן,
נאָר ס'האָט זיך אַ שטורעם פון הענט קלאַפּעריי,
ווי אַ האָגל, אין לופטן צעטראָגן.

די מאַסע פאַרייסט צו דער בינע די קעפּ,
און אָט האָט זיך מאָטל באַוויזן:
ערשט אַלט איבער פערציק און קרעפטיק געבויט,
ווי די פעלד־אַרטילערישע ריזן —

ס'איז מאָטל אַזוי ווי געפורעמט פון שטיין
מיט געדולדיק געזאַמלטער גוואורע,
זיין שטימע איז דורכדרינגלעך, ברוסטיק און קלאָר
מיט אַן אָפּהילך־וויבריר פון באַנדורע — — —

— איך דאַנק יעדן כּאַווער פאַר היינטיקער פרייד,
פון וועלכער מיר אַלע געניסן.
כ'וויל היינט דאָ זאָגן אַ נויטיקן וואָרט
וועגן די, וועלכע ליגן אין טפיסע.

— עס ראַנגלען זיך דאָרטן אַזעלכע, ווי איך,
פאַרן אַנטייל אין ארבעטער־שטרייטן
נאָר איבערגעפּאַקט איז די טורמע מיט ברידער,
וואָס זיינען געשטאַנען פון ווייטן — — — —

אָט וועגן די בלינדע וואָלט נויטיק געווען
צו פאַרטראַכטן זיך, פריינט און כאַווירים:
זיי זיינען דאָך זין פון דעם קלאַס פּראָלעטאַריער,
ווען ס'טרייבט די פאַרצווייפלונג צו גנייווע.

— ס'איז ריזיק דער אונטערשיד דאָ אינעם לאַנד
צווישן לוקסוס און ביימיקן הונגער!
און האָסטו דעם וועג ניט געפונען צום קאַמף —
ווי לאַנג האַלטן אוים בלויע פינגער?!

— ווען מע שלעפּט זיך פאַרצווייפלט אַרום אין דער גאַס,
און די אויצרעס נאָר טיילן אָפּ שויבן...
רייסט אוים די פאַרצווייפלונג פון ארבעטער־וואַלד
אָט־אָ די, וועלכע לאָזן זיך רויבן.

— און כ'וועל אייך דאָ זאָגן, כאַווירים און פריינט,
נאָכן זיצן מיט אָט די פאַרפירטע:
מיר דאַרפן אַן ארבעט טאָן לעבעדיקער
צווישן די נאָך ניט אָרגאַניזירטע!

— איך דערקלער נאָך דער טורמע זיך נאָכאַמאָל גרייט,
אין די קאַמפן מיט אייך זיך צו שטעלן,
ביז וואַנען מיר וועלן די ביטערע נויט
פאַרייאָגן פון די ארבעטער־שוועלן!

— און איך שלים זיך היינט אָן אין דער לענין פּאַרטיי,
די פּאַרטיי פון די אַרבעטער זאָרגן,
די פּאַרטיי, וועלכע פירט אָן טאָג־טעגלעך דעם קאַמף
פאַרן היינט און דעם ליכטיקן מאָרגן! — — — —

— הוראַ! און אַ שטורמישע הענט־פּאַטשעריי
באַגלייט פון דער בינע האָט מאָטלען —

— און איצט — זאָגט דער פּאָרזיצער — שטעל איך אייך פּאָר
אונדזער קינסטלער און כאַווער יאָסל קאָטלער.

— נו, שוין, כ'בין שוין דאָ,
וואָס זשע קוקט איר מיך אָן?
איר ווילט דאָך אַוואַדע,
איך זאָל עפּעס טאָן?

— וועל, כ'וועל אייך פאָרשטעלן סימכע מיט זיין אידענע.
— האַ? וואָס? וואָס קוקט איר מיט אויגן פאַרשידענע?
— אהא!.. ניט סימכע, נאָר... מאָטל מיט זיין אידענע!!!

און ס'פלייצט דורך די פענצטער
א יונגער געלעכטער
פון טאַטעס און מאַמעס,
פון יונגען און טעכטער.

עס דאַכט זיך דיר: אויגן
פון נאַכעס צעגייען
פון קאָטלערשער כאָכמע
און זיין קינסטלערשן כיין.

עס הויבט די האנאַע
יעדן איינעם פון זיך —
געלעכטער פאַרפלייצט
יעדן זאַפּטיקן וויך.

ס'האָט זיך דער יאַנטעוו געשלאָסן מיט מונטער געזאַנג —

— — ווען כ'שרייב אָט די שורעס איז יאָסל ניטאָ שוין, ניטאָ שוין —
און ס'טוט אזוי באַנג, אזוי באַנג — — —

טאַטע, מאַמע און זון

ס'איז פרילינג. די נאַכט איז אַ פרעסטלדיק־שטייפע,
דער הימל מיט שטערן פאַרזייט.
און מאָטל מיט האַרציקע לייען און יוסן
אַ גאַנצע נאַכט גיין זיינען גרייט.

— עס ווילט זיך ניט שלאָפן — זאָגט מאָטל דער ערשטער.
— ס'איז גוט איצט שפּאַצירן — זאָגט יוּס.
און טאַטע און זון נעמען לייען געאָרעמט
און גייען גאַס איין און גאַס אויס.

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט שוין. ליידיק די גאַסן.
אַ פּאָרל דאָ, דאָרט אין אַ טיר.
יוּס פילט, ווי די נאָגעניש האָט זיך אין האַרצן
נאָכאַמאָל האַסטיק צעפירט.

איירין! אירע אויגן אים זיצן אין מויעך,
ווי זאָמען אין פרוכטבאַרער בייט...
איר קאָפּ, ווי צעכוואַליעטער פלאַג פונעם מאַסטבוים,
פאַר די אויגן אים פלאַטערדיק ווייעט — — —

וואַרעמע ווערטער פון מאַטלען צו לייען
פאַר אים, ווי עכאָ, פאַרקלינגט.
ער גייט מיט איירינען גאַר נאָענט געאָרעמט...
און די קרעפטיקע פרילינג־לופט שלינגט — — —

ער פילט ניט, ווי ס'האָבן זיך מאָטל און לייע
אויף אים אַזוי מאָדנע פאַרטראַכט:
זיי האָבן אויף יוּסן דערזען די אומרו
פון פרילינג־צעשטערנטער נאַכט.

מאָטל נעמט שטייפער אַרום לייעס אָרעם,
זי פאַרשטייט אין דער פינצטער זיין וואונק:
— מע רייסט ניט אַ דורשטיקן איבער אין מיטן
דעם פרישן קרישטאָלענעם טרונק — — —

אַרויס פון די ענגע, פאַרבעלמעטע גאַסן,
דער שטאָטישער פּאַרק איז שוין נאָענט.
דאַכט זיך, מע הערט שוין דאָס קוועלן פון בליאונג,
און דאָס וואסער אין אונטערערד שטראָמט — — —

האַסטיקער פליען פאַרביי די מאַשינען
מיט סוידעס צווישן די ווענט...
אַ „טראָלי" האָט אומרואיק בייז זיך צעקלונגען,
ווי זי וואָלט אַ סוינע דערקענט...

עס זיינען געשטאַנען די הייזער פאַראַקשנט
מיט פענצטער נאָך שווארצער פון שטיין...
זיי האָבן זיך דרייען געגעבן אַ צאַפּל:
אַ קינד האָט זיך פּלוצלונג צעוויינט —

— צייט שוין אַהיים גיין, כאָטש מאָרגן איז זונטיק —
האָט מאָטל דער ערשטער געזאָגט.
אַ מילך־טראָק האָט הילכיק די שטילקייט צעטרייסלט,
ס'האָט אין מיזרעך שאַריעט אַף טאָג — — —

ווידער גייט לעבן אין מאַטלס פאַמיליע
מיט לויטערן, ערלעכן גאַנג:
מאַטל און לייע מיט לייב אין באַוועגונג,
דער זון — מיטן בוך אויף דער באַנק.

נאָר ס'הערט זיך שוין איצט אינעם טעמפּל קאָלאָמביא
ניט נאָר דער טשיר ביי דעם באַל, —
ס'ציט זיך שוין אויפמערקזאַם מאַסע סטודענטישע
צום יונג־רעבעלירנדן קאָל.

ס'הויבט אָן פאַרנעמען אָן אָרט, אַ צווייט־ראַנגיקן
דאָס פאַרגעטערטע ספּאָרטישע פעלד.
אין הויכשול אַמעריקעס רייפט פאַרן קלאַסן־קאַמף
סטודענטישע מאַסע און העלד — — —

ס'הויבט אָן אין דער הויכשול זיך בוילעט באַשטעטיקן
מאַרקס טעזיס פון קלאַס קעגן קלאַס:
פון איין זייט — די זינדלעך פון באַסעס און סאַכרים
קעגן זין פון דעם אַרבעטער־קלאַס

ס'איז יויסן נאָך פרעמדלעך סטודענטישער אויפבּרויז,
נאָר אויערן נעמען אַלץ אויף,
און די אָפענע רייד פון כאַוויירים־סטודענטן
דרינגען אַריין, ווי אַ שרויף — — —

זיינען נאָך עטלעכע וואָכן פאַרגאַנגען,
די צייט האָט צעבליט זיך מיט פרוכט:
ס'האָט יוים ראַפּאָרטירט פאַר דעם טאַטן, דער מאַמען,
ער האָט אַן ען. עס. על.*) מיטינג באַזוכט.

*) ען. עס. על., ראַדיקאַלע סטודענטן־אָרגאַניזאַציע.

די צייט האָט געשפּונען איר בלוט רויטן פאָדעם:
ס'איז די גאַנצע פאַמיליע פאַרהאַוועט —
ס'איז יעדער באַזונדער אין זיין אָרגאַניזאַציע
א פאַראַנטוואָרטלעך טעטיקער באַוער.

אין הויז אַפן וואונק איצט פאַרשטייען זיך אַלע,
פאַר איטלעכן קלאַפּן דריי הערצער...
און מאַכט זיך א טאָג, ווען ס'איז פריי יעדער איינער,
פרעגט מען אוים זיך: וואָס מאַכט מען? וואָס הערט זיך?

ווער עס קומט פריער אַהיים אינעם אָוונט,
גרייט צום טיש און שטעלט צו א גלאָז קאַווע —
עך, סאַראַ לויטערע פרייד און א נאַכעס,
ווען די היים איז — איין האַרציקער באַוער.

אַ בריוו

יוים האָט דערהאַלטן
אַן ערנסטן בריוו:
אַ וויכטיקער מיטינג
פון סטודענטן־אַקטיוו.

מע שליסט אויס סטודענטן
פאַר אַקטיוויטעט,
מע וואַרפט ערלעכע לערער
פון אוניווערזיטעט.

דאַרף באַלדיקע אַקציע
ווערן געפּלאַנט,
און אין דער אַרבעט
אַלע געשפּאַנט!

אַפן מיטינג האָט יווים
מיט איירינען זיך באַקענט,
דערלאַנגט זיך, ווי נאָענטע
כאַווײרים, די הענט.

גערעדט וועגן נייעס
אין דער סטודענטישער וועלט,
ביז ס'האָט דער טשערמאַן
איירינען פאָרגעשטעלט.

איירין רעדט

זי האָט זיך געגעבן
א ריס פונעם אָרט,
צעעפנט נאָטיצן,
גענומען דאָס וואָרט.

יוים מיט אַ צאָפּל
פאָלגט נאָך אירע רייד,
ווי אַ נאָענטן פריינט,
ווען דער צוג באַלד פאַרגייט — — —

— ס׳פּירט אָן מיט דער הויכשול
דיזעלביקע האַנט,
וועלכע טרייבט צו דעם הונגער
די מאַסן פון לאַנד.

— די האַנט, וואָס פאַרברענט האָט
סאַקאָן און וואַנזעטין,
וויל רעכט פון סטודענטן
צעטראַמפּלען, צעטרעטן!

— ס׳איז דיזעלביקע האַרצלאָזע
וואָלסטריט מאַשין,
וואָס וואַרגט מוניס לעבן
אין סאַן־קווענטין!

— און דיזעלביקע מערדערשע
וואָלסטריט מאַשין
וויל איצט דערשטיקן
די סטודענטישע שטים!

— וואָלסטריט צו אַ נייער
מילכאָמע זיך גרייט!
פאַרוואָרפט זי באַצייטנס
אויף דער יוגנט די קייט —

— מע וויל שוין פאַרשליסן
דאָס ערלעכע מויל,
וואָס עפנט זיך קעגן
פאַשיסטישן גרויל!

— אַקאַדעמישע פרייהייט,
סטודענטישע רעכט —
טרעטסט אַרויס קעגן וואָלסטריט,
באַגייסטו אַ פאַרברעך!

— הענדערסאָן דאָנאַלד
האָט דער ערשטער באַצאָלט:
דעם רוף צו פאַרווייסטונג
ניט נאָכגיין געוואָלט!

— פאַר אַ גרופּע סטודענטן,
מיט פּראָטעסטן געוואַגט
זיינען די אַקאַדעמישע טירן
געוואָרן פאַרהאַקט!

יוים פּילט, ס'וועט זיין אויער
באַהעפט מיט איר קאָל,
ווי אַ נאָדל אַ בלאַנקע
מיט מאַגנעט פונעם שטאָל...

— דאָס לעבן איז גרויזאַם,
דאָס לעבן איז האַרט!
מיר זעען שוין קלאָר,
וואָס דער יוגנט דערוואַרט.

— וועט ברעכן די יוגנט
די פאַשיסטישע טריט,
אָדער שענדן זיך לאָזן
יעדן מענטשלעכן גליד?! —

— וועט פוילן די יוגנט
אין זומפּן און לייז,
קאָנסערווירן זיך לאָזן
פאַר קאַנאָנישער שפּייז?!

— די יוגנט דאַרף מעכטיק
אַ הילך טאָן איר: ניין!
מיר ווען צום טויט
פאַר די געלט־זעק ניט גיין!

— מיר האָבן גענוג שוין
און ווילן ניט מער
אויף אומבאַקאַנטע קוואָרים
די קראָקאָדיל־טרער! — — —

— אַ פאַרייניקטע אַקציע
דאַרף ווערן געגרייט,
נאָך איידער מעראָר
ווערט, ווי פייער, פאַרשפּרייט!

— אין איטלעכער הויכשול
אף א ברייטן מאסשטאב
דעם טעראָר דארף דערלאנגען
די יוגנט א קלאפ!

צווישן די סטודענטן
גערעדט האָט אויך יוים,
און ס'הערט אים איירין
אזוי אויפמערקזאם אוים — — — —

ער פּרואווט אוים די ווערטער,
ווי א שווימער די טיף...
וואָס ווייטער — מער זיכער,
ווי די האַנט ביי דער שיף — — — —

און געענדיקט מיט פויסט
פון צעשוואונגענער האַנט:
אויב אקציע — דארף זי
צערוישן דאָס לאנד! — — — —

איירין און יוים און פרילינג נאַכט

אהיים זיינען ביידע געגאַנגען צוזאַמען.
ס'איז פרילינג אין פּרעכטיקסטן צוויט.
ס'האָט יוימן איירין אונטערן אָרעם גענומען
און געציילט די האַרמאָנישע טריט —

— כ'ווייס אייער נאָמען ניט, און זי פאַרוויטלט זיך.
— יוים, נאָר פאַר אייך גרינגער — דזשאָ.
— יוים ? ! לאָמיר שפּאַנען אהיים דורכן פּראָספּעקט פּאַרק,
ס'וועט דויערן העכסטנס א שאָ.

פון רייעך איירינס און צעעפנטע בליאונגען
איז יוים הארץ — איין צעלאָפּענער צאַפּל — — — —
מיט רייכעס פון בעז און פון ווייסער אַקציע
מישט דאָס ווינטל איר פריידיקן פלאַפּל — — — —

עם טריקנט אין מויל אים. דער צונג קלעפּט צום גומען זיך:
ער פילט איירינס אָרעם ביים הארץ.
ער טראַכט, יעדע צווייג קרוין אין פינצטערניש נאַכטיקער,
ווי די האָר פון איירינען, איז שוואַרץ — — — —

זיי האָבן געוואָלט דורכן וועג זיך אַדורכשניידן,
האָט אַן אָטאָ צערעוועט זיך ווילד.
איירין א דערשראָקענע האָט יוימן ארומגעכאַפּט,
ער האָט זי ווי אין זיך דערפילט — — — —

דער אָטאָ איז דורך אזאַ פרעמדער און פיינטלעכער.
איירין האלט נאָך יוימן ארום —
זי רייסט זיך פון אים אָפּ מיט א שמייכל פאַרבלאָנקעטן,
גיט א טרייסל דעם קאָפּ און זאָגט: — קומט — — — —

ס׳בלינקען פון ווייט די עלעקטרישע פייערלעך,
ווי שטערנס געפאנגען אין גלאָז — — —
צווישן די שטרעקעס צעגיסט אזא פייערל
א גאָלדענע ראָד אפן גראָז — — —

— א שאָד, — און איירין אָטעמט אָפּ און פארענטפערט
א פראגע אין אייגענעם קאָפּ, —
מעגלעך, איך פאָר נאָך עטלעכע טעג ארום
אף עטלעכע מאָנאטן אָפּ.

ס׳האָט יוים פון א כאָלעם אזויווי זיך אויפגעוועקט
און די אויגן אף איר אָנגעשטעלט —
איירין האָט מיט בליקן פון יויסן זיך אָנגעזאפּט
און א פיבער געטאָן ווי פון קעלט —

ס׳האָבן די טריט פון זיי בײדע פארלאנגזאמט זיך,
ווי נאָענט געווען וואָלט די היים —
און פלוצלונג, ווי הערצער זיך וואָלטן אדורכגערעדט:
געבליבן אין מיטן וועג שטיין.

איירין האָט אף יויסן די אויגן א פיר געטאָן
מיטן שארף פון כינעזישן שניט —
און פלוצלונג עס האָבן די הענט זיינע קרעפטיקע
אף אקסלען איירינס זיך צעגליט — — —

דאָס ווינטל פון פרילינג-נאכט שטראָמט אזוי אומרואיק
צווישן בײדנס צעפיבערטן הויך —
יוים האָט איירינען דורשטיק ארומגעכאפּט
מיט פרישקייט פון מענערשן קויעך — — —

די נאכט אזא לויטערטע, פרילנג־צעכוואליעטע
זיך שעפעדיק לעבן פארגינט — — —
יויסן דעם זאפטיקן מיט איירינען דער גליאיסקער
ליפן מיט ליפן פארבינדט — — —

דאכט זיך, דער פארק האט נאך שטילער פארטאיעט זיך
אין כיעם פון זאפטיקן שטאם —
א ווינטל האט צווישן דיביימער צעווייעט
פון באהאפטענע אטעמס דעם פלאם — — —

אפן געלעגער

ס'גרויט אין די פענצטער,
די נאַכט גייט שוין אויס,
עס שלאָפט ניט איירין : —
— — — — יוים, —

די שטוב ליגט אין שלאָף נאָך,
די לופט — טונקל־שטום,
זי אָטעמט זיין אָטעם
די ליפּן ארום...

אין הארצן נאָך פלאַטערט
דער ליפּן־געגנום —
זי וועט נאָך היינט וויסן
דעם דיסטריקטס באשלום —

און אויב אין דער וועסט
איירינען מע שיקט? —
דער אָטעם, ווי קנוילן,
דעם האַלדז אירן שטיקט — — — —

זי וועט זיך ניט שטעלן
אנטקעגן באשלום —
ס'פארקלעמט ארום הארצן
דערוואכטער געגנום — — —

באשלום פון באוועגונג
זי פירט פינקטלעך אויס —
זי קלאַמערט מיט אויגן
דעם פארגייענדן יוים — — —

און עפשער צוזאמען? — — —
א פונק לעשט זיך אויס:
ערשט נעכטן באגעגנט
דעם טייערן יוים.

און ס׳איז דאָך די וועסט
ניט קיין „האָנימון טריפּ“ —
זי בייסט זיך ביז וויטיק
די זאַפּטיקע ליפּ —

די רייזע פאַרן טאַטן
דאַרף בלייבן אַ סאָד —
איירין צו אַ כאַוועדטע
אַפּרוען פּאָרט.

די מאַמע באַהאַלט
פונעם טאַטן די טרער:
זי וויל ניט איירינען
אין קאַמף זיין אַ שטער —

איירין פאַר דער מאַמען
דערציילט אַלצדינג אויס.
נאָך היינט וועט די מאַמע
דערוויסן זיך: י ו י ס ! — — — —

און טאָמער וועט אַלץ
ווי אַ שטורעם פאַרגיין?
ס׳דערפילט זיך איירין
אַזוי פלוצלונג — אַליין — — — —

איר קאָפּ, ווי אַ מאַיאַק,
לעשט זיך און צינדט:
מיט יויסן איר טראַכטן
זיך רייסט און פאַרבינדט — — — —

די זון אינעם צימער
פאַרווייסט האָט די נאַכט
און דער מידער איירינען
די אויגן פאַרמאַכט — — — —

איירין מיט דער מאַמען

ס'איז שפּעטער פרימאָרגן. עס וואונדערט זיך מיני,
די טאָכטער שלאָפט קיינמאָל ניט שפּעט.
גייט, ווייך ווי א מאמע, אריין אין איר צימער
און בויגט זיך אריבער איר בעט.

זי פארגינט זיך ניט קוקן אף דער אייגענער טאָכטער:
עס ליגט אינעם בעט אזא גליק — — —
א גאָלדענע טרער אף דער טאָכטערס א וויע
האָט דערשראָקן דעם מאמעשן בליק —

— איירין... בלויז א שאָרך מיט די ליפּן געפּליסטערט.
איירין האָט א צאַפּל געטאָן.
און ס'האָט זיך אף קינען פון בראָנזענע באקן
צעפלייצט אזא בונט־רויטער מאָן —

— וואָס איז אזוינס, מאמע? דו האָסט זיך דערשראָקן?
נו, זעץ זיך צו מיר אפן בעט.
ס'איז שפּעט שוין אוואדע, און דו וואונדערסט זיך, מאמע,
איך שלאָף עפּעס היינט אזוי שפּעט.

— זעץ זיך, מיין מאמע, ס'איז גאָרנישט געשען מיר,
און, טייערע, הער מיך היינט אויס:
כ'האָב נעכטן באגעגנט א טייערן באָכער —
— — — — זיין נאָמען איז יוזס —

.... און טאָמער די שטאָט וועל איך דארפן פארלאָזן
ווערט זיין, דאכט זיך, מאמע, מיר שווער — — —

ווען עס זיצט אין אזעלכע מינוטן א מאמע,
מעג אויג זיך פארגיין אין א טרער — — —

— האָסט אים אַמאָל שוין אין ערגעץ באַגעגנט?
און זי גלעט אירע בראָנזענע הענט.
— כ׳האָב געכטן אויף אונדזער סטודענטישן מיטינג
מיט אים זיך באַקענט.

— האָסט דאָך געהערט וועגן מאַטלען דעם שניידער —
געהערט? יוים איז מאַטלס אַ זון —
יוים קאָן מיט זיין רעדן באַרוישן אַ מאַסע
און, דאַכט זיך, זי פירן צום בונט — — —

ס׳האָט מיני איירינגען צו זיך צוגעטוליעט,
און אויער איר עפּעס פאַרטרויט — — —
— ס׳איז גוט אַזאַ טייערע טאָכטער צו האָבן,
אַזאַ פרישע און בראָנזענע מויד! — — —

איירין איז אַ פלינקע אַראָפּ פון געלעגער
און אונטערן שפּריץ זיך געשטעלט.
זי האָט זיך צעקוויטשעט און האָט זיך צעזונגען
פון וואַסערס דערפרישנדער קעלט — — —

אָנגעטאָן שנעל זיך און פרישטיק געגעסן,
און געגעבן דער מאַמען אַ קוש —
אַרונטערגעלאָפן מיט טאָפּעלע שטיגן,
צו הערן דעם דיסטריקטס באַשלוס.

דער באַשלוס

ס'האָט זיך די ווײַ. סי. על.*) כעוורע אין דיסטריקט
מיט איר אַזוי פּלוצלונג דערפרייט:
— האַלאָ! און האַלאָ! ווי זיך לאַנג ניט באַגעגנט,
— די אַרבעט אין בראָנזוויל ווי גייט?

איירין האָט דערציילט וועגן וואַקסנדער אַרבעט,
מיט דער כעוורע זיך וואַרעם צערעדט.
ס'איז אַ כאַווער אַריין און געמאָלדן איירינען,
עס וואַרט שוין אַף איר כאַווער פרעד.

ס'האָט פּלוצלונג איירינען
דער אָטעם פאַרפעלט —
זי האָט אַף אַ ווײַל
אַפן שוועל זיך געשטעלט — — — —

פרעד האָט באַגריסט זי:
— גוט מאָרגן, איירין!
איר פאָרט נאָך אין אָוונט
אַף אַרבעט אַהין! —

— דאַנקבאַרע אַרבעט
פאַר אײַך אין דער וועסט —
איירין האָט אַף ליפּן
אַ ווייטיק פאַרפּרעסט — — — —

— איך פאָר! — און דעם אָטעם
אַ האַסטיקן צי —
— נאָר עפּשער איז מעגלעך
מאָרגן באַלד פרי? —

---

*) ווײַ. סי. על., יונג קאָמוניסט ליג

און פולס אין די שלייפן
אומרואיק האַקט — — —

— נו, גוט, אַף דעם אַדרעס
זיך שטעלט אין קאָנטאַקט.

און עפּעטיק געדריקט איר
די בראָנזענע הענט:
— עס האָט אין דער וועסט
דער קאַמף זיך צעברענט! — — —

דאָס ערשטע, וואָס זי האָט
באַשלאָסן אין דרויסן:
זי מוז אומבאַדינגט היינט
זיך טרעפן מיט יויסן!

זי האָט זיין אַדרעס ניט,
נאָר דער בליק גיט אַ שטראַל:
איירין איז אוועק גלייך
אין קאָנסל־לאָקאַל.

זי האָט דעם אַדרעס אינעם קאָנסל געקראָגן,
איצט פליט זי, און ס'פּאָנעם אירס שיינט —
אין האַנט אַזאַ טייערן צעטעלע טראָגט זי,
וואו יויס מוז געפינען זי היינט!

נאָר ס'האָט זיך קיינער אין שטוב ניט געפונען,
האָט זי ס'צעטל פאַרשאַרט דורך דער טיר.
איצט שפּרינגט זי גאָר מונטער אַראָפּ פון די שטיגן,
דעם אָנלען מיט די הענט ניט באַרירט — — —

אַראָפּ און אין גאַס אַף אַ ווײַלע פאַרטראַכט זיך,
נאָר ס'קומט גאָרנישט מער אפן זין —
האָט זי פון זיך מיטאַמאָל זיך צעשמייכלט
און אוועק מיטן בלאָז פונעם ווינט — — —

די מאַמע וואַרט

ס'איז מיני געזעסן אין שטוב און געוואַרט,
ביז די טאָכטער וועט קומען אַהיים.
זי האָט דערהערט פונעם גלעקל איר האַסטיקן „באָז"
און דערקענט אַף די שטיגן איר גיין — — —

עס שטייט שוין די מאַמע אין דער אָפענער טיר,
צו הערן באַשלאָסענעם וואָרט —
עס שטייגט פון די שטיגן אַלץ העכער איר קאָפּ,
און די מאַמע דערפילט, אַז זי פאָרט!

אַ שאָקל דעם קאָפּ, און פאַר מינין ווערט קלאָר:
איירין רייסט פון איר זיך אַוועק — — —
ס'איז מיני באַוואוסטזיניק, זייער אַקטיוו,
נאָר דאָס האַרץ פון אַ מאַמען זיך שרעקט — — —

איירין — איין־און־איינציקע איז דאָך ביי איר,
און דער קאַמף איז אַנטשלאָסן און שטרענג — — —
עס ווערן די אויגן בא מינין באַפייכט,
און אין האַלדז פון די טרערן ווערט ענג — — —

זי ווייסט, ס'איז דער קאַמף שוין געוואָרן פאַרשאַרפט,
עס שטייט שוין דאָס לעבן אין קאָן —
נאָר האַרץ פון אַ מאַמען דאָס איינציקע קינד
פאַר זיך, נאָר פאַר זיך אַליין מאָנט — — —

אין מינין אַ הייסער געראַנגל קומט פאַר
צווישן ליבע און גליוועך פון שרעק — — —
זי הויבט אויף פון אָרט זיך און אָפּקלייבן גייט
זאַכן פאַר איירינען אין וועג.

איירין געזעגנט זיך מיט יויסן

— יויס! ס׳האָט איירין אים פֿון ווייטן דערקענט
און איז אַריבערגעלאָפֿן צום ראָג.
— כ׳האָב אייך געבעטן געזעגענען זיך,
איך פֿאָר אַוועק מאָרגן פֿאַרטאָג!

— אַליין?! האָט זי יויס אַ דערשטוינטער געפֿרעגט —
אַליין אין דער וועסט אויף דער פֿרעמד?
און ס׳האָט אַזאַ נאָיִענדיק בענקען און שרעק
יויסן דעם אָטעם פֿאַרקלעמט — — —

— כ׳פֿאָר צו כאַווײרים, ווי אייגענע פֿריינט —
זי רעדט יויסן איין, ווי אַ קינד.
יויס אין דער ווייטקייט די אויגן הענגט אָן:
אַ טייערער כאַלעם פֿאַרשווינדט — — —

— אַ קאַמף דאָרטן עטלעכע וואָכן שוין ברענט
און ווערט וואָס אַ טאָג מער פֿאַרשפּרייט.
קאַמף? און פֿאַר יויסן אַ טורמע וואַקסט אויס,
און איירינען אַהין ער באַגלייט — — —

ער שווייגט און דערפֿילט אויפֿן אויער די היץ
פֿון איירינס היים־צעאָימפּעטע רייד —
ער זעט, ווי עס רייסט זי אַ „קאַפּ“ פֿאַרן האַלדז
און פֿאַרקלעמט אירע הענט אין אַ קייט — — —

— לאָמיר איצט נאָכאַמאָל דורכגיין דעם פּאַרק,
וואו מיר האָבן זיך נעכטן באַקענט —
ס׳האָט יויס מיטאַמאָל אַרום אָרעם דערפֿילט,
ווי אין פֿיבער זיך קלאַמערן הענט — — —

ער האָט צו איר האסטיק אַ קער זיך געטאָן
אין מיטן פּאַמעלעכן גאַנג —
נאָר ווייסקייט פון ציין פון קוים אָפּענעם מויל
האָט פאַרצויגן זיין יעדן געדאַנק — — —

עס פּילט איצט אייִרין, זיין צעפּיבערטער בליק
איבערן פּאָנעם איר שוועבט —
און מיט די הענט אַרום רוישיקן קאָפּ
אירע דורשטיקע אויגן ער קלעפּט — — —

זי פּילט, ווי דער שטעג, וועלכער פירט אינעם פּאַרק,
האָט מיטאַמאָל זיך צעוויגט —
זי פליט פון אַ הויך, נאָר אַ זיכערע האַנט
צום הארצן זי טוליעט און דריקט — — —

דער בוים מיט דער זאַפטיקער ערד איז באַהעפט,
אַ פויגל אין צווייגן באַזינגט —
דער שטאָטס מיליאָניקער האסט און גערויש,
ווי אַן עכאָ אַ ווייטער פאַרקלינגט — — —
— — — — — — — — — — — — —

אַ ל י י ן

די באַן איז אַוועק שוין, און איבער די גאַסן
יוים וואַנדערט אַ שאַ נאָך אַ שאַ.
סיגנאַלן פון אַטאָם איצט רעוועז קעסיידער:
איירין איז נישטאָ! שוין נישטאָ! — — —

אויף דער פּלאַטפאָרמע איז יוים ערשט געשטאַנען,
געזעגן, ווי די באַן זי פאַרטראָגט —
זי האָט אינעם ערשטן גערויש פון די רעדער
עפּעס וואַרעם און האַרציק פאַרזאָגט — — —

ער האָט ניט געהערט און גענומען זיך יאָגן
נאָך דער האַסטיק צעלאָפענער באַן,
נאָר ס'האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פאַרטראָגן
איר כוואַליקער קאָפּ און די האַנט — — —

מאַטערט איצט יוימן, פאַרוואָס לעצטע ווערטער
עס האָבן צו אים ניט דערגרייכט —
און עס צערייסט זיין געוועב פון געדאַנקען
די שטאָטישע באַן פון דער הויך.

פאַרמאַטערט געוואָרן און גענומען די סאָבוויי,
באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים —
מענטשן און קינדער אַרום און אַנטקעגן,
נאָר יוים זיצט אין סאָבוויי אַליין — — —

ס'גייען געדאַנקען פאַרביי זיינע אויגן
אין קאַראַוואַנישער קייט —
ס'גייט יעדע רעגע אַדורך אינעם זינען
פון די נעכט אינעם פּאַרק זאַלבעצווייט — — —

ס'האָט אַ געדאַנק מיטאַמאָל זיך פאַרהאַלטן,
ווי אַ קעמל אַ קוואַל האָט דערשפּירט —
איירין האָט געבעטן, און יוים האָט פאַרזיכערט,
די אַרבעט וועט ווערן געפירט — — —

אַזוי האָט איירין היינט פאַרטאָג אים געבעטן —
ער האָט זיך די ווערטער דערמאָנט:
די איסט מיט דער וועסט וועלן זיין איצט פאַרבונדן
דורך אַרבעט אויפן זעלביקן פראָנט — — —

ער וועט אין דער ען. עס. על. היינט זיך נאָך מעלדן,
צו דער אַרבעט דערקלערן זיך גרייט —
איירין ווי געהערט וואָלט, ווי יוים איז אַנטשלאָפן
פאַר די אויגן אַ גליקלעכע שטייט — — —

ס'האָט ליע דערזען, ווי איר זון איז פאַרענדערט
און דערוואָרגן אין זיך אַ געשריי —
ס'האָט יוים פאַר דער מאַמען דעם עמעס געלייקנט
און דערקלערט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי —

אַ בריוו

אין אַכט טעג אַרום —
פון איירינען אַ בריוו:
„געקומען. איך קוש דיך,
איך בין שוין אַקטיוו" —

און אונטן אַ פּי. עס.
האָט זיין אָטעם צעגליט:
„דו גייסט מיר אַ נאָענטער
אומעטום מיט." — — — —

ניטאָ אפן בריוול
קיין אַדרעס צוריק —
שטייט יוים פאַר אַ טייך
מיט צעריסענער בריק — — — —

ער וויל דאָך איר אויבעט
דערציילן זיין פרייד:
אַז אומעטום יויסן
איר אָטעם באַגלייט — — — —

זאָל זיין בלויז אַ צופאַל?
פון שנעלקייט — אַ גרייז?
יוים וואַרט אָן געדולד
אַף אַ בריוול אַ נייס —

ער שטייט מיטן בריוול
פאַרלאָרן, פאַרטראַכט,
און ציט אַף זיך טאַטנס
און מאַמעס פאַרדאַכט —

האט מאַטל צו לייען
נעגעבן אַ וואונק,
זי זאָל אים איצט לאָזן
אליין מיטן זון.

ס'האָט יוים אף די אַקסלען
דערפילט מאַטלס הענט:
— זון, כ'האָב דיך עטלעכע
טעג ניט דערקענט —

און אנדער מענטש גאָר
די לעצטע פּאָר טעג —
עפּעס דריקט אפן הארצן?
דערציילֿ, אָדער פרעג.

עפשער וואָלט טאַטע
מיט אייצע און וואָרט
געהאָלפן זיין זון
און די אומרו פארשפּאָרט — — — —

כ'בין דיר אַ טאַטע,
אַ כאַווער און פריינט —
טייל זיך מיט טאַטן
ווי נעכטן, אויך היינט — — — —

וואַרעמע רייד

יוים האָט דערפֿילט טאַטנס וואַרעמע רייד,
ווי קילקייט אַף היציקן קאָפּ —
נאָר עס שעמט זיך דערוואַקסענער זון מיט זיין סאָד
און לאָזטביידע אויגן אַראָפּ.

שווייגט אוים דער טאַטע אַ לענגערע וויל,
און פֿאַרשלאָסנקייט זונס ווערט צעווייעט —
מאָטל דערפֿילט, ווי אָן עכאָ צו אים
פֿון זיין אייגענער יוגנט דערגייט — — —

— געדענקסט, ס'האָט אַ מיידל באַגייסטערט גערעדט
אַף דיין יאָנטעוו אין אַרבעטער־קלוב ?
— איירין ? — פֿאַלט אים מאָטל אריין אין די רייד,
כ'בין געווען דאָרט אַפּילע אין שטוב.

— כ'האָב אַף אַ מיטינג צוזאַמען מיט איר
געפּלאַנט אַ סטודענטן־פּראָטעסט —
מע האָט לעצטע וואָך זי אַף אַרבעט געשיקט
אין דער ווייטער און ווילד פֿרעמדער וועסט.

— כ'האָב פֿאַרן אָפּפאָר זי נעענטער דערקענט,
צו דער באַן זי אַפּילע באַגלייט.
— געפֿאָרן אַף בלייבן ? גיט מאָטל אַ פֿרעג
און די אומרו פֿון זון שוין פֿאַרשטייט.

— מ'האָט זי אַף אַרבעט געשיקט אין דער וועסט
יוים הויבט אויף אַ פֿרייערן בליק...
— כ'האָב היינט דערהאַלטן פֿון איר אָט דעם בריוו,
נאָר אָן אַן אַדרעס אַף צוריק.

— עס פלאַקערט אַ ביטערער קאַמף דאָרט, מיין זון,
און האָט שוין קאָרבאָנעס געבראַכט —
ס'ווייסן כאַוויירים ניט דאָרטן באַטאָג,
וואו דעם קאָפּ וועט מען לייגן באַנאַכט — — — —

— פון איטלעכן ווינקל עס לויערט דער פיינט
אַף כאַוויירים אין אָנפיר־אַקטיוו —
דערפאַר האָט איירין דעם אַדרעס אַף צוריק
ניט דערמאָנט אין איר איצטיקן בריוו —

כ'פאַרשטיי איצט דיין אומרו, מיין טייערער זון,
באַוואָפן דיין לעבן מיט מוט!
עס האָבן כאַוויירים געהייליקט דעם קאַמף
מיט לעבן און וואַרעמען בלוט — — —

פון סטרייק פראָנט

ס'קומען יעדן טאָג באַריכטן —
סוינע וויל דעם סטרייק פאַרניכטן!

איבער מענטשן, ווי איבער בריקן,
ווילדע טלאָען קעמפער שטיקן!

נאָר מאַטראָזן קענען שטורעם —
שלאָגט צוריק מאַטראָזן אָרעם!

הענט, וואָס שלעפּן שיף צו ברעגן,
קאָנען קעמפן היים אַנקעגן!

נישטאָ מער קיין בריוו

נישטאָ מער קיין בריוו,
איירין — ווי אין וואסער.
יוים פון פרימאָרגן
ביז אָונט ווערט בלאסער —

ס'האָט פון הייסע פראָנטן
די נאכט א גרוס געבראכט:
צענדליקער פארוואונדעט,
און צוויי געטויט אין שלאכט!

יוים פון „דיילי וואָירקער“
די אויגן רייסט ניט אָפּ —
די נייעס פון די קאמפן,
ווי קוילן אין זיין קאָפּ — — — —

און די „מאָרגן פרייהייט“
מאָטל האלט צעשפּרייט —
אויפגעקאָכטער צאָרן
אין די פויסטן גייט — — — —

שפּיזיק אין די אויגן
פלאקערט אויף דער קאעס,
טייער אין די קאמפן
צאָלט דערוואכטער קלאס!

— טאטע! צינדט זיך יוים אָן, —
כ'וועל פאָרן אויך אהין!
נעענטער צום פייער,
ווי די מוטיקע איירין!

— זון, כ'שאַץ אָפּ דיין דרייסטקייט,
איך הער דיין בלוט־געשריי —
פארשטאַרקונגען וועט שיקן
דער שטאב פון דער פארטיי!

אין אירע הענט די פֿעדים
פֿון דיסציפּלין און פּלאַן —
זי פֿירט די קלאַסן־קאַמפּן,
ווי שיף — דער קאַפּיטאַן!

האַדעווע געדולדיק
דיין פֿרישן מוט מיט קאַס —
ס'קומען טעגלעך נענטער
קלאַס אַנטקעגן קלאַס — — —
— — — — — — — — — — — —

נאַכט און פֿרימאָרגן

ס'האָט די נאַכט פֿאַר יויסן זיך געצויגן
מיט דער שטילקייט פֿון מילכאָמע־וואַלד — — —
שאָטנס, דאַכט זיך, לויערן מיט אויגן,
און יעדע רעגע וואַרט אַף טויט־געוואַלט — — —

ערגעץ מוז איירין זיך דאָך געפֿינען:
אין אַ טורמע, אָדער אין שפּיטאָל, —
נאָר ס'גראָבט די נאַכט ביז לויטערן באַגינען
צווישן איר און אים דעם טיפֿסטן טאָל — — —

פֿרימאָרגן האָט געבראַכט דעם הייסן אָנזאָג:
דער קאַמף ווערט ווייטער העלדיש פֿאָרגעזעצט!
ס'קומען נייע צו, וואָס האָבן נאָך געבלאָנדזעט —
די אויגן האָט געעפֿנט דאָס געזעץ — — —

מאָטל נעמט דעם זון אַרום דעם אָרעם,
שפּאַנט מיט אים אין צימער הין־און־צוריק:
— צעטרעטן קאָן מען, ליבער, נאָר אַ וואָרעם,
קאַמפֿן ווערן קיינמאָל ניט דערשטיקט! — — —

— אייגן לעבן, זון, איז זייער טייער,
רייסט דאָס זיך דערפאַר צו גרויסער פרייד —
ווען ס'ברענט ארום די טייערסטע א פייער,
וועט נאָר א פאַכדן אָפּטרעטען זיין גרייט...

— איירין געהערט צו יענע רויטע קריגער,
וואָס גייען אומדערשראָקן אויבנאָן —
בלייבט א העלד אין בלוט, אין הייסן ליגן,
הויבט זי אויף די טריפנדיקע פאָן! — — — —

— איירין פאַרמאָגט דעם גייסט און דרייסטן אָנשטעל
פון סימסן, יאָרקן און דעם אינגל באָסעל,
זיי זיינען אין דער ריי געווען די ערשטע,
זיי די ערשטע האָט דער פיינט צעשאָסן — — — — ...

—כ'וויל ניט, זון, פאַרצווייפלען דיין דערוואַרטונג,
דיין האָפענונג נאָך קרעפטיקן איך וויל!
נאָר ס'דאַרפן דיינע פויסטן ווערן האַרטער,
און דיין ווייטיק זאָלסט ניט שטיקן אין דער שטיל — — — —

— ס'לעבט איירין אין קאַמף דער פאַרגעזעצטן,
וואָלט שלעכט געווען, מיר וואָלטן שוין געהערט.
פאַרן שטרייט אנטשידענעם און לעצטן
איר לעבן און באַגייסטערונג געהערט — — — —

אַ טאָכטער פון אַ אידישן שוסטער

ס'האָט יויסן איירין פון איר האַרץ ניט פאַרגעסן,
ניט איצט איז די צייט צו דערציילן:
ביז שפּעט אין דער נאַכט דאַרף מען אויפּרופן דרוקן,
און פאַרטאָג זיי — די „טרופּעס" פאַרטיילן.

ס'בלייבט ניט קיין שאָ, מידן קאָפּ אָפּצורוען,
ס'ברעכן זיך איבער די קני —
ביים מימעאָגראַף קייט זי אַ טרוקענעם „סענדוויטש",
ווען דער הונגער פאַרן האַרץ גיט אַ צי.

באַטאָג און באַנאַכט אין דער אַרבעט פאַרשלונגען,
ביז ס'כּאַלעשן די פיס און די הענט —
זי האָט עטלעכע מאָל זיך צום שרייבן גענומען,
פאַלט אַרויס פון די פינגער די פען.

פאַרגעבן וועלן מאַמע און יויס, ווייל פון קאַמפן
איירין קיין מינוט טאָר ניט רויבן —
זי וועט אין דער היים זיי דעם עמעס דערציילן,
און די מאַמע און יויס וועלן גלויבן.

און ס'ציט זיך פאַרביי אירע קלעפּיקע אויגן
די לעווייע מיט שטורעם־פּראָטעסט —
אַ טאָכטער פון אַ אידישן ניו יאָרקער שוסטער
העלפט שאַפן געשיכטע אין דער וועסט — — — —

אין וועג

א טאָג פאַרן סאָף פונעם העלדישן סטרייק
האָט איירינען א „קאָפּ“ ארעסטירט.
מ'האָט זי „געדרילט“ און געפאָרשט ביז באנאכט
און פארטאָג נאָך דער איסט דעפּאָרטירט.

אַן עקסטרא דערציילט די געווינסן פון סטרייק,
און די באַן שלינגט די פרייִרישע וויסט —
ס'פארוויגט איר פארמאַטערטן קאָפּ דער געדאנק,
אַז דער קאַמף איז געווען ניט אומזיסט.

זי פילט אַזא מידקייט אין איטלעכן גליד,
איר איינציקער וואונטש איצט איז — רו — — —
א פארמער אנטקעגן גייט איבערן פעלד,
און ס'פּאַשעט זיך רואיק א קו —

דורך די אָפענע פענצטער פון לאנגן וואגאָן
שטראָמט אריין די צעכוואַליעטע לופט —
א שטאָט האָט זיך ערגעץ צעליינט אפן וועג,
וואָרנט באַן איר מיט שניידיקן רוף — — —

א באַן פון אנטקעגן זיך האסטיק צעפייפט,
פליט אַדורך, ווי אין טייוולשן שרעק —
אומזיסט וועט דאָך זיין דאָס באגעגענען זיך,
ווען ס'פירט ניט דערזעלביקער וועג — — —

ס'טראָגט זיך איירין אפן שיידוועג א צינד
צווישן דער איסט און דער וועסט —
פאָרויס — צו די ליבע באגעגענישן,
צוריק — אַזא בענקעניש פרעסט — — —

א פּראָפּעלער צערווישט זיך ניט ווייט פון דער באַן,
און גייט אויס אין זוניקן רוים —
דאַכט זיך, עס האָט זיך אַ כוואַליע צעקלאַפּט
און ס׳גייט אויס איר אומרו אין שוים...

וואָס ווייטער פאַרוויגט זי אַלץ מערער די באַן,
ווי אַן איבערגעגעבענער שוים —
די אויגן זיך קלעפּן — דער וועג שפּרינגט פאַרויס:
ס׳וואַרטן דאָך מאַמע און יוים — — —

עס זיינען פאַראַן אינעם לעבן מינוטן,
ווען דאָס האַרץ איז מיט נעגל פאַרקלעמט,
און יעדע געגאַרטע דערוואַרטונג און האָפענונג
וואָגלען אין פיינטלעכער פרעמד — — —

ס׳דאַכט זיך, עס ווערט אַרום דיר אַלץ פאַרמויערט,
און קיינעם דערגרייכסט ניט דיין קאָל —
און ס׳גייט ערגעץ אויס דער פאַרצווייפלטער עכאָ
אין דעם טויטן טעהאָם פון אַ טאָל...

דערלאָז ניט, מיין כאַווער, אַזעלכע מינוטן:
ס׳איז גליווער דער טויטלעכסטער סאַם —
זינקט ניט מיט קרעפטיקן לייב און מיט לעבן,
ווי אַ צעשמעטערטע שיף אינעם יאַם...

עס איז די פאַרמויערטע פיינלעכע שטילקייט,
כאַווער, דיין אייגענע שולד:
דו האָסט מיט די אייגענע ערלעכע הענט
צעריסן דיין פּראַכטפול געדולד — — —

פאַר מינין — דער מאַמען און דעם שלאָפלאָזן יוימן
איז די נאַכט — איין געפלאָכטענע זאָרג —

— — — נאָר די באַן ברענגט אַ טייערן אויצער פאַרביידע:
איירינעלן צוריק אין ניו יאָרק — — —

די באַן פליט פאַרביי די אָרומיקע שטעטלעך,
זיי זיינען איירינען באַקאַנט — — —
קינדער באַגלייטן די באַן מיט די אויגן,
איירין זיי באַגריסט מיט אַ האַנט — — —

טראָגן זיך דורך פעלדער און מייליקע בריקן,
מעכטיקער אָדלער פון שטאָל!
וועט אויסגיין די בענקשאַפט פון טייערע אויגן,
ווי זאַמד פונעם וואַסער־קרישטאָל...

איירין וואָלט געוואָלט דורכן דאַך זיך אַ ריס טאָן
צו די פאַרוויכערטע הענט ביי דער ראָד —
מיט הארציקער, כאַוועראַשער פרייד זיי באַגריסן
פאַרן קניפּן אַ שטאָט מיט אַ שטאָט — — —

אין זיי — ווי אַ קינד אין די הענט פון אַ מאַמען —
גיגאַנטישער לאָקאָמאָטיוו,
צו זיי אַזאַ צוטרוי פון מענטשלעכע לעבנס
און פון הערצער, וואָס צאַפּלען אין בריוו — — —

אַ שוואַרצער טונעל האָט אַף גלאַנציקע רעלסן
די קייט מיט וואַגאָנען פאַרכאַפּט:
ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק! ניו יאָרק!
האָבן די רעדער געקלאַפּט — — —

— — — — — — — — — — — —

מיט דער מאַמען

אַ קלונג. און מיני הערט זיך צו
צו טריט אַף שוואַרצע טרעפּ —
— מאַמע! — טאָכטער! האַלדז אַף האַלדז,
זיך טוליענדיקע קעפּ...

הענט אין הענט פאַרגייען זיך,
האַרץ אין האַרצן קלאַפּט —
זיך אָנגעקושט, זיך אָנגעקוקט,
און ווידער זיך געכאַפּט —

— טאָכטער ליבע, טייערע,
זע, ווי אָפּגעצערט.
די גאַנצע צייט האָט מאַמע ניט
קיין וואָרט פֿון דיר געהערט.

— און יעדן טאָג אין צייטונגען:
אַרעסטן און טעראָר —
וואָס די מאַמע האָט אַדורכגעלעבט,
איז, גלויב איך, דיר שוין קלאָר —

— נו, איך האָב זיך, טאָכטערל,
צופיל שוין פאַרעדט,
וועסט וואַשן זיך און אָפּעסן,
און אָפּרוען אין בעט.

— דו פרעגסט, ווי ס'פילט דער טאַטע זיך?
האָסט צאָרעס מיר באַשערט:
כ'האָב יעדן טאָג אַן אַנדערן
טערעץ צוגעקלערט...

„מיני, זאָג דעם עמעס מיר!"
און ער פאָרשט מיך מיט פאַרדאַכט...
ס'האָבן מיני און איירין
האַרציק זיך צעלאַכט.

— מאַמע, זאָל עס אַלץ פאַר אים
ווייטער זיין אַ סאָד:
טאָמער דאַרף איך נאָכאַמאָל
אָפּפאָרן פֿון שטאָט.

די מאַמע האָסטיק אַף איירין
האָט אָנגעשטעלט איר בליק:
— ביסט געקומען אַף אַ צייט,
דאַרפסט פאָרן נאָך צוריק? —

איירין האָט מינין אָנגעקוקט
און הילכיק זיך צעלאַכט:
— שוין, די מאַמע וועגן קינד
האָט ווידער זיך פאַרטראַכט — — — —

מיני האָט זיך גלייך פאַרשעמט,
פאַרשטאַנען טאַכטערס מיין:
די מאַמע דאַרף זיין צוגעוואוינט
צו לאָזן זי אַליין — — —

און אויב עס רופט דער קלאַסן־קאַמף
איירינען אין דער ווייט —
דאַרף מאַמע נאָך דערמוטיקן,
כאָטש בלוט אין הארצן שרייט — — — —

מיט יויסן

יוים האָט דערזען איירינען
און האָט זיך דערשראָקן:
טיפער געוואָרן די אויגן,
פאַרטראַכטער די לאָקן — — —

ס'האָט אַ פאַרקלעמטער געדאַנק
זיך צעלייגט אַף איר שטערן,
און ס'דאַכט זיך אים אויס, דעם אָרום
אירע אויערן אָנגעשטרענגט הערן — — —

— ביסט מיד, — קוקט איר יוים אין די אויגן, —
זעסט אויס ווי אַ קראַנקע —
— — — כ'האָב, טייערער, דעם טויט פון כאַווערים
באַהאַלטן אין מיינע געדאַנקען — — —

— כ'האָב קיינמאָל ניט, ליבער, געזען,
אַזאַ אָנישן פייער
פון העלדישע קעמפער, וואָס גיבן
די לעבנס צושטייער...

— ס'איז מוט פון די אַרבעטער רייען
פון אויבן פאַרהוילן —
הינטערן אַש ברענט אַ גרייטקייט,
נאָך הייסער פון קוילען...

— זיי שלאָגן מיט נאַקעטע פויסטן
די באַוואָפנטע ברוטן,
מע טרעט אָפּ צוריק מיט די פיס
אין די אייגענע בלוטן...

און מאַן מיט דער ווייב, מיט די קינדער
אין געשלאָסענע רינגען —
רייסט איין רינג זיך אָפּ, די געבליבענע
הילכיקער קלינגען — — — —

— — — — — — —　　　— —

אף אַ שטיין, ווי אַן אינדזל אין גראָזיקן יאַם,
זיצןביידע פאַרזונקען אין שווייגן —
עס שטייען די טונקעלע ביימער צעשיידט,
נאָר אויבן באַהעפטן זיך צווייגן...

עס רוט איר פאַריסענער קאָפּ אף זיין קני,
זי הערט איצט זיין האַרץ־קלאַפּ און אָטעם —
ס'אַנטפּלעקט די לעוואָנע איר בראָנזענעם האַלדז
פון טונקעלן, נאַכטיקן שאָטן —

ער וויקלט מיט דלאָניעס איר נאַקעטן האַלדז,
ווי הענט אַרום קאָפּ פון אַ זויגלינג —
איירין האָט דערפילט, ווי איר האַרץ זיך פאַרגייט,
און איר האַלדז מיט די אַקסלען פאַרצויגן — — —

זי טוליעט אין די אַקסלען דעם נאַקעטן האַלדז,
און אָטעמט דורך דורשטיקע ליפּן,
זי פילט זיינע אָפענע אויגן אף זיך
מיט אירע פאַרמאַכטע זיך קניפּן — — —

ער פליסטערט איירינען אין אויער אריין
מיט הייסן, צעפיבערטן אָטעם:
— איירין, כ'האָב דיך ליב, ס'איז מיין לעבן אָן דיר
ווי דער טונקעלער אומעט פון שאָטן — — —

— כ'בין, דאכט זיך, אָן דיר קיין מינוט ניט געווען,
האָסט באַטאָג און באַנאַכט מיך באַגלייט —
זי ישלינגט מיט דער פרישער באַנאַכטיקער לופט
זיינע היציקע, האַסטיקע רייד — — —

— רעד! — ווי זי וואָלט זיך געגעבן אַ ריס
אף אַ רעגע פון אַ דורשטיקן קוואַל...
נאָר יוים האָט זי האַסטיק פאַרשלונגען אין זיך,
ווי אַ מעכטיקער וואַסערן־פאַל — — —

זי רייסט זיך מיט יויסן אַוועק פון דער ערד,
ווי אַ האַסטיקע פייל פונעם בויגן...
די לעוואָנע דורך צווייגן פון איטלעכן בוים
נישטערט מיט זילבערנע אויגן — — —
— — — — — — — — — — — — —

מאַטראַזן אין שטאָט

„קעפּ“ פון די צייטונגען
פאַרטויבן די שטאָט:
עס קומט אָן די גלאָריע,
עס קומט אָן דער פלאָט!

דורשטיקער סויכער
און שטאָטישע הור
פלעכטן פאַר יונגע
מאַטראָזן א שנור...

אין יאַמישע וואָכן
צווישן פאָרט און א פאָרט
האָבן מאַטראָזן
א טאָלער געשפּאָרט...

רייסן זיך דורשטיקע
הור־סויכער הענט
נאָך מאַטראָזיש געזונט
און געשפּאָרטע פּאָר סענט — — — —

ס'איז דער סיטי האָל וואָכן
און טעג אַף די פּיס:
הוליאַנקעס פאַר די עלטסטע
פאַר די יונגען — פּאָלים — — — —

לעגינם פּאַרטיי

נאָר לעגינם פּאַרטיי
האָט די יונגען פון פּלאַט
געוויזן דעם ערלעכן
פּאָנעם פון דער שטאַט — — — —

כאַוואַרטעס יונגע
האָבן פון ברעג
געפירט די מאַטראָזן
אויף אַן אַנדערן וועג:

סאָוועטישע מאַוויס,
בונטאַריש טעאַטער
האָט די סינע דערשטיקטע
אין די הערצער צעפלאַמערט — — — —

באַזאָרגט די מאַטראָזן
מיט ליפלעטס, פּאַמפלעטן
וועגן טעגלעכע קאַמפן
פאַר ברויט און סאָוועטן —

ס׳האָבן זיך יונגען
פון מעכטיקן פּלאַט
באַקענט מיט דער פרייד
און דער גויט פון דער שטאַט — — — —

אין טעאַטער

יוים איז געגאַנגען מיט זיינעם אַ כאַווער
צו זען די דראַמע „סטיוועדאָר" —
אין פאָדערשטע רייען — ער וויל זיך ניט גלויבן:
ער דערקענט איירינס שטאָלצן קאָפּ האָר —

עס זיצט לעבן איר אַ מאַטראָז אַ פאַרברוינטער,
ער זעט זיין שטייף־קרעפטיקן נאַקן —
ס'איז זיך אַן אומרו אין די אייוורים צעלאָפן
און געשטאָכן די קינען פון די באַקן —

אַ פיינלעכער ווייטיק פאַרקלעמט האָט זיין אָטעם,
ער האָט אַזש די ליפּן פאַרביסן — — —
עס האָבן פאַרשאַרפטע און שפּיזיקע נעגל
די פעדים פון הארצן געריסן —

ס'יאָגן זיך היציקע כוואַליעס אין מויעך,
ס'עפנט אַ וואונד זיך ביים גומען...
ס'דאַכט זיך אים אויס, דער מאַטראָז האָט אין כוישעך
איירינען אין אָרעמס גענומען —

דאָס וואָרט פון דער דראַמע פאַרגייט פאַר זיין אויער,
ווי אַן עכאָ נאָך הילך אין אַ וואַלד...
אַ פינצטערע פויסט האָט מיט דראָטענע פינגער
דערשטיקט אין זיין בלוט דעם געוואַלט — — —

אין דרויסן

איירין האָט אין דרויסן איר יויסן דערזען
און מיטן מאַטראָז אים באַקענט —
זי האָט גלייך דערפילט אין איר וואַרעמער פויסט
יויסעם פאַרכאַלעשטע הענט — — —

זי האָט פון די ליפּן זיין ווייטיק דערפילט
און מיט צוטרוי אַף אים זיך צעשיינט —
ס'האָט יויס זיך אַנטשולדיקט פאַר איר און דעם מאַטראָז:
ס'וואַרט אַף אים זיינער אַ פריינט...

— נעם מיט דיין פריינט — האָט איירין זיך געכאַפּט —
מירן גיין אַף אַ לאַנגן שפּאַציר.
— כ'האָב נאָך אַ וויכטיקע אַרבעט צו טאָן —
ער שטאַמלט אַ טערעץ פאַר איר...

און יויס איז אַף גיך מיט זיין כאַווער אַוועק,
איירין ציילט אין האַרץ זיינע טריט —
זי פילט, ווי ס'האָט מיטאַמאָל זיך אין איר
אַ פיינלעכער ווייטיק צעבליט — — —

צאַר

ס'האָבן די טעג זיך געצויגן,
ווי פֿיינלעכער צאַר פֿון א קרענק —
שוואַרצער פֿאַרדאַכט האָט אין יויסן
די פֿריידן פֿאַרשווענקט...

די פֿרייד פֿון די ליכטיקע שאָען
גריזשעט און גריזשעט א וואָרעם...
איירין האָט געשוועבט פֿאַר די אויגן
מיט יונגע מאַטראָזן געאָרעמט — — — —

ס'ליגט איצט זיין טאָג, דער דערפֿרייטער,
פֿאַרוואונדעט, ווי א בוים פֿון א בליץ...
די ליכטיקסטע ווינקלען פֿון מויעך
צעפֿרעסט אזא פֿינצטערע היץ — — — —

ס'איז געווען אזא פֿרייד, אזא גרויסע,
ס'איז געווען און וועט מער שוין ניט זיין — — — —
די שטעגן פֿון פֿאַרק, די געטרייע
פֿאַרנעמען אין שטילקייט זיין פּיין — — — —

אַ צעטל אין טיר

אַ צעטל אין טיר אין אַ זומער באַגינען:
„יוים מיין געליבטער, דו קענסט ניט איירינען" —

„ס'האָט אַ שוואַרצער פאַרדאַכט דיינע אויגן פאַרבונדן" —
יוים פילט, ווי די רעגעס פאַרהיילן די וואונדן — — —

„איך פיל ,אַז דו האָסט אַף אַ שניט זיך אַנטשלאָסן" —
אַ פרייד האָט זיך האַסטיק אין יוים געגאָסן — — —

„וועסט, יוים, עפשער גלויבן דער „פאַלשער" איירינען,
זי טראָגט דיך באַטאָג און באַנאַכט אינעם זינען?" —

„איך לאָז איבערן לאַנד זיך צופוס און אַליין,
וועט יוים זיך באַטראַכטן און — אויך עפשער גיין?" — — — —

„מיט יוים צוזאַמען אַף אָפענע וועגן
אין ליכט פון דער זון און אין שטורעם פון רעגן"

„ענטפער דער „פאַלשער" פאַרליבטער איירינען,
זי וואַרט אַף איר יוים ביז מאָרגן באַגינען".

דעם לעבן אַנטקעגן

יוים מיט איירינען
אפֿן אָפֿענעם שליאַך —
ביימער — די ווענט,
און הימל — דער דאַך...

און וועט מען ניט וויסן,
וואו ס'פֿירן צוויי וועגן —
וועט מען בא פֿאַרמער
אף פֿעלדער זיך פֿרעגן — — — —

וועלן פֿאַרמער זיך פֿרעגן:
— צואוואָס און וואוהין?
וועגן קאַמף זיי פֿאַרטרויען
וועלן יוים און איירין — — — —

וועט ווייזן אַ שטאָט זיך
נאָך נאַקעטע וועגן —
וועט די ערשטע באַגריסן
די אַרבעטער־געגנט — — — —

און טאָמער וועט קאַמף
זיי פֿאַרהאַלטן אין גאַנג —
שליסן זיי אָן זיך
מיט פֿרייד און געזאַנג — — — —

ציען זיך, ציען זיך
דורשטיקע וועגן —
זיי גייען געאָרעמט
דעם לעבן אַנטקעגן — — — —
— — — — — — — — —